NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03939

SHTOT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שטאָט

ערשטער טייל פון דער באַוועגלאַכער כרעסטאָמאַטיע
פאַר'ן דריטן לערן־יאָר פון עלעמענטאַרע שולן.

צוזאַמענגעשטעלט פון אַ לערער־קאָמיסיע.

פאַרלאַג:
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן.
הויפּט פאַרקויף: 32 יוניאָן סקוועער,
ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1930

„שטאַט" איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אונטער דער אָנפירונג און מיט דער גוטהייסונג פון דער פּראָגראַם־קאָמיסיע פון די אידישע קינדער־שולן באַם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן.

אין העסקעם מיט דער פּראָגראַם פון די שולן גייען דאָ אַריין מאַטעריאַלן און אַרבעטן פאַר די ערשטע 5—6 וואָכן פונ'ם לערן־יאָר.

Copyright: International Workers Order

Myold Printing Co., Inc. 161 Grandt St., New York

שטאָט

פאַרטאָג. אין פריער שאָ פון זיבן
ווערט אימפעט פון דער שטאָט צענויפגעקליבן
און צעשיקט דורך בריקן, שיפן און טונעלן
צו פאַבריקן, גריבער, שטאָלענע געשטעלן.

ווי מיט קישעף עפנט שטאָט איצט אויף טירן,
און עס שטייען גרייט די באַנען קויאַך צו צעפירן, —
ס׳וואַרט די שטאָט מיט אָפּגעקילטן אייזן פון מאַשינען,
אַף אַכטער שאָ פון יעדן וואָכיקן באַגינען. — — —

איז גוט, ווען פלעשער מילך באַגרי׳סן אַף די שוועלן,
ווען קינדער קענען זיך אַף שטייפע פיסלאַך שטעלן, —
ווען פון טאָג געזונט, פאַרלוירן באַ מאַשינען,
ווען פון טאָג געזונט כאָטש קינד אין היים געווינען. — — —

ווען ס׳גריסן אָבער ליידיקע די שטיגן,
און מאַמע דאַרף דאָס קינד מיט פּראָסטן טרינק־וואַסער פאַרוויגן, —
ווען פונ׳ם טאָג געזונט, פאַרלוירן באַ מאַשינען,
ווען פונ׳ם טאָג געזונט בלויז באַלעבאָס געווינען. — — —

שוועריע וועריטער הארעוואַניע — שווערע ארבעט.

אַך, וואָס פאַר אַ שטאָט!

טרראַך טאַרעראַך־טאַך־טאַך־טאַך! טאַך! דזין־דזין־דזין־גלין־גלאַן! הו־האַ! דו־דו־דו־דו־דו! פ־יו! אַי־אַי־אַי־אַי־אַי־! און ווידער אַמאָל — טראַך טאַררעראַך־טאַך־טאַך־טאַך! — אָט דאָס זיינען געווען די קוילעס מיט די געוואַלדן, וואָס מיר האָבן דערהערט אין דער ערשטער מינוט, ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין ניו יאָרק.

אַך, וואָס פאַר אַ שטאָט! און וואָסערע הויכע הייזער! זעקס עטאַזשן איז אַ געלעכטער. פאַראַן הייזער פון צוועלף עטאַזשן און פון צוואַנציק, און פון דרייסיק, און פון פערציק, און נאָך העכער. און פענצטער! טויזנט פענצטער!...

היינט די באַנען אין שטאָט! איר האָט זיך נאָר וואָס אַריינגעזעצט אין וואַגאָן — אהאַ! איר פליט שוין, ווי די אָדלערס, אין דער הויך, איבער אַ לאַנגן שמאָלן בריק אַף צו דערהאַרגעט ווערן. ווערט דאָס אָנגערופן באַ זיי „עלעוויטעד". מיינט איר, אַז איר זייט שוין פאַרטיק? האָט צייט אַביסל. איר קריכט אַרויסעט פונ׳ם „עלעוויטעד" און איר זעצט זיך איבער אין אַן אַנדער וואַגאָן, און איר לאָזט זיך אַראָפּ ווי אין אַ קעלער אַריין, און איר לויפט אונטער דער ערד מיט אַזאַ אימפעט, אַז עס שווינדלט אייך אין די אויגן. דאָס ווערט שוין באַ זיי אָנגערופן „צאָבהיי" (סאָבוויי — אונטערערדישע באַן). פאַרוואָס הייסט דאָס „עלעוויטעד" און דאָס „צאָבהיי"? — זאָגט מיין ברודער עליע, אַז „עלעוויטעד" נעמט זיך פונ׳ם וואָרט „לייטער". און „צאָבהיי" זאָגט מען באַ אונז אויך, אַז מען טרייבט אָן אַ פּאָר אָקסן. לאַכט פון אים אונזער כאַווער פּיניע מיט סאָקאָנעס. ער זאָגט: ס׳אַ מאַשל אָקעגן אַ טאַרבע פלעקער! אָקסן, זאָגט ער, קוים וואָס זיי קריכן, און אָט דאָס פליט! ענטפערט אים דערויף עליע: „דערויף איז דאָס אַמעריקע, ס׳זאָל פליען"... מישט זיך אַריין מיין שוועגערין בראָכע און זאָגט, אַז מער פאַרט זי שוין ניט, אַן עק! ניט מיט׳ן „עלעוויטעד", ניט מיט׳ן „צאָבהיי" — זי זאָל וויסן גליקלאַך ווערן. זי וועט בעסער, זאָגט זי, שוין גיין צופוס. איידער אַזוי מעשוגענערווייז פליען הענדום־פּענדום איבער דער כמאַרע, אָדער לויפן אונטער דער ערד. דערביי האָט זי געזאָגט אַ ווערטל: „הויב

מיך ניט און וואַרף מיך ניט״... אַ מאָדנע אידענע, מיין שוועגערן.
באַ מיר וואָלט איר, פאַרקערט, געפויעלט. איך זאָל אַרומפאָרן מיט׳ן
„עלעווייטעד״ און מיט׳ן „צאַבהיי״ אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצער
נאַכט. מיין כאַווער מענדל — אויך דאָס אייגענע.

א נ ו — ט ר ע פ ט: ווער רעדט עס:

(1) אַ קינד, אַ דערוואַקסענער?
(2) אַ גרויס־שטאָטישער, אַ קליינשטעטלדיקער.
(3) אַן אַמעריקאַנער, אַן אַריבערגעקומענער אַהער.

אין סאָבוויי

גאָלד איז די צייט אין דעם גאָלדענעם לאַנד.
גיט מען אַ קלונג און אַ הייב מיט דער האַנט,
קלאַפּן זיך טירן צו הילכיק און שנעל,
פליט דער עקספּרעס דורכן שוואַרצן טונעל.
שנעלער פון ווינט און געשווינדער פון בליק.
פליען פאַרביי מיט דער וואַנט אַף צוריק
שטערן נאָך שטערן אין גרין און אין רויט, —
גרין איז דאָס לעבן, און רויט איז דער טויט.
לאָזט אַ סיגנאַל פאַרויס זיך אין געיעג,
וואַרפט ער און שליידערט ער אַלץ אַפּ׳ן וועג;
רודערן רעדער אין ווילדן געלויף,
טראָגן זיך באַנען אַראָפּ און אַרויף.
ליכטיק ווי בליצן פאַרביי נאַכאַנאַנד —
גאָלדענע פייגל פון גאָלדענעם לאַנד.



באַ אַ סאָבוויי־אַריינגאַנג

האַרט נעבן די טרעפּ פון סאָבוויי־אַריינגאַנג זיצט אַף אַ קעסטל אַ מענטש, דעם קערפּער איינגעהויקערט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, אָנגעטאָן אין שמאַטעס. ער האַלט אַ בלעכענעם טעפּעלע און קלינגט מיט די עטלאַכע סענטן. ווען ער גיט אַ הויב דעם קאָפּ, דערזעט מען אַ קויל־שוואַרצן גלאַנצנדיקן פּאָנים ,גלאַט ווי שוואַרצער סאַמעט. די בלינדע אויגן זיינען מיט ברילן באַדעקט. אַ בלינדער מיטל־יאָריקער נעגער. ער זיצט אַפּ'ן נידעריקן קעסטעלע, און זיינע גראָבע ליפּן שעפּטשען:

— העלפּ עי בלאַינד מען...

די עטלאַכע סענטן אין טעפּעלע ליגן ווי שטומע איידעס.

— פּאַרוואָס זיצסטו דאָ, ברודער, און בעטסט נעדאָווען? ביסטו געבוירן אַזוי אַ בלינדער, אָדער האָט עפּעס מיט דיר געטראָפן? דערצייל, ברודער, וואָס האָט פּאַסירט?

— אָ, מאַי דיר מען, יעס־יעס, העלפּ עי בלאַינד מען! נאָסער! ניט געבוירן אַזוי. ניט לאַנג, בלויז עטלאַכע יאָר אין דעם, אַ סאַך יאָרן אָפּגעאַרבעט אַף דער כעמישער פּאַבריק... אָט אַף יענער פּאַבריק דאָרטן... עטלאַכע טויזנט מענטשן האָבן געאַרבעט... אַ סאַך פרויען און מיידלאַך. נו, ברודערל, איז דאָס געווען אַן אויפרייס!... יעס־יעס, איך בין אויך שיר אַף יענער וועלט אַוועק.

— האָט מען דיר אַ סאַך געלט באַצאָלט?
— יעס־יעס, ברודערל, באַצאָלט!... אַי האָבן זיי באַצאָלט... זיך גענוג געמישפּעט. אַזוי פיל, האָבן זיי געזאָגט, איז גענוג פאַר אַ פּאָר אויגן...

אַרבעט:

1. ווער וואָלט געדאַרפט פאַרזאָרגן אַן אַרבעטער, ווען ער ווערט אַ קאַליקע בײַ דער אַרבעט?
2. געפינען אויס, וואָס עס מיינט: „וואָירקערס קאָמפּענסיישן“.
3. געפינען אויס, וואָס די אַרבעטער, באַקומען פון דעם.

אַף אַ באַן־סטאַנציע

מענטשן, פאַרשטויבטע,
אָנגעקליידט אין אויבער־הויזן,
קאַטשען וועגעלאַך און שטויסן,
שלעפּן פּעק און וואַרפן,
לאָדן אויס וואַגאָנען,
פילן אָן וואַגאָנען.

אָרימע פאַריאָגטע,
פּענימער פאַרזאָרגטע,
דאַכט זיך שלעפּן זיי די צאָרעס
אויפצופּאַקן אַף די באַנען,
ערגעץ ווייט אַוועקצופאָרן...

אינגלאַך קליינע לויפן, שלעפּן
פּעקלאַך צייטונגען אונטער די אָרעמס
און זיי רופן, און זיי שטרעקן אויס די הענטלאַך,
און די אייגעלאַך בעטן: „קויפט!“

שרייבן: אַ סצענע אַף אַ באַן־סטאַנציע.

דאָס געזאַנג אין סאָבוויי

זונטיק פרימאָרגן. אויסגערוטער, אָנגעפּוצטער עולאָם אַף טראָטוארן, אין קאַרס, אין סאָבווייס, יאַנטעוו־דיק.

איך שטייג אַרויס פון סאָבוויי־וואַגאָן, וואַרטן אַף אַן אַנדער באַן. איך דריי זיך אַרום אַף דער האַלב־פינצטערער פּלאַטפאָרמע אַן אומגעדולדיקער, אַן אומצופרידענער, וואָס כ׳דאַרף איינאָטעמען דעם טוכלען רייאַך פון דער קעלער־לופט.

פּלוצלונג דערטראָגט זיך פון ערגעץ־וואו אַ געזאַנג. ניין, ניט פון דער פּלאַטפאָרמע קומט דאָס געזאַנג. די איבעריקע וואַרטנדיקע פּאַסאַזשירן אַף דער פּלאַטפאָרמע זיינען, אַזוי ווי איך, נייגעריק צו וויסן פון וואַנען עס קומט.

פון וואַנען דאָס געזאַנג? איך גלויב זיך אַליין ניט: עס קומט פון שטאָק־פינסטערן טונעל, פון וואַנען עס וועט מיסטאָם באַלד אַנפליען מיין באַן.

מיין בליק דרינגט אַריין אין דער פינצטערניש פון לאַבירינט, מיין אויער איז אָנגעשפּיצט. איך דערזע ענדלאַך אין דער געדיכטער פינצטערניש —

אַ פונק. דער פונק ווערט גרעסער און גרעסער; דאָס פייערל וואַרפט זיך אַהין און אַהער און דערנענטערט זיך פון היי‌ל אַרויס, צו דער פּלאַטפאָרמע.

דאָס פייערל ברענגט מיט זיך דאָס געזאַנג. וואָס גרעסער דאָס פלעמל, אַלץ שטאַרקער און קלינגענדיקער דאָס געזאַנג.

דאָס פייערל איז שוין גאָר נאָענט. ס'איז אַ לאַמטערן. פון טונעל אַרויס באַווייזט זיך אַ הויכע פיגור, נאָך איר נאָך איינע און נאָך.

דאָס גייען פינף מענער, סאָבוויי-רייניקער. זיי זיינען פאַרטאָן אין זייער אַרבעט. זייערע קעפּ אַראָפּגעטיפּט צו דער ערד. מיט פּיקעס קלייבן זיי צונויף די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן, מיט בעזימער רייניקן זיי די שינעס.

זיי קוקן ניט צו אונז, אויף דער האַלב-באַלויכטענער פּלאַטפאָרמע. זיי זיינען פאַרטיפט — אין דער אַרבעט און נאָכמער — אין זייער זינגען.

שוואַרצהאַריקע, לאַנגנאָזיקע און שפּיציק-פּאָנימדיקע. גריכן צי אַר-מענער.

דאָס געזאַנג הערט אויף אַ ווײַלע אויף. אָבער באַלד פאַנגט איינער אָן סאָלאָ, אין אַ לירישן טענאָר, און די איבעריקע פיר כאַפּן אונטער, מיט האַרץ.

פינף סאָבוויי-רייניקער, פרעמדבאָדנדיקע, פינף אַמעריקאַנער שקלאַפן זינגען פון די פינצטערע היילן אַרויס זייער ליד פון צאַר און וויטיק. אין אַ זונטיק-פרימאָרגן, אין טאָג פון רו.

סאָבוויי-אַרבעטער

די טויזנטער אַרבעטער, וואָס זיינען באַשעפטיקט אויף די סאָבוויס, עלעוויטעדס און טראַמוויי-ליניעס, ווערן עקספּלואַטירט אויפן ערגסטן אופן פון די קאָמפּאַניעס, וועלכע קאָנטראָלירן דעם פאַרקער. זייער אַרבעט איז אָפט אַ געפערלאַכע, ווייל די קאָמפּאַני'עס אַנטזאָגן זיך איינצופירן פאַרשיי-דענע פאַרזיכערונגס-איינריכטונגען. די סאָבוויי-אַרבעטער ווערן געצוואונ-גען צו אַרבעטן אונטער אַזעלכע אומסאַניטאַרע באַדינגונגען, אַז עס איז שעדלאַך פאַר'ן געזונט. די אַרבעטער האָבן אָפט געקעמפט קעגן זייערע באַלעבאַטים, אַז עס זאָלן איינגעפירט ווערן פאַרשיידענע פאַרזיכערונגען פון לעבן און געזונט. אָט-די אַרבעטער קריגן אַזעלכע קליינע סכירעס, ווי 69 סענט אַ שאָ פאַר מאָטאָרלייט און 58 סענט אַ שאָ פאַר סוויטשלייט. און כדי צו קענען פאַרדינען גענוג אייפצוהאַלטן זיך און זייערע פאַמיליעס, מוזן די סאָבוויי- און „על”-אַרבעטער אָפט שקלאַפן 84 שאָ אַ וואָך.

קאַמפּן

אָט־די אומדערטרעגלאַכע באַדינגונגען האָבן געפירט צו דעם גרויסן סטרייק פון 1926, וואָס איז גערופן געוואָרן דעם דריטן יולי. 752 מאַטאָר־לייט און סוויטשלייט האָבן געוואָרפן די אַרבעט און זיינען אַרויס אין סטרייק. זיי האָבן אָנגעפירט אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף צו צווינגען זייערע באַלעבאַטים נאָכצוגעבן זייערע פאָדערונגען. די באַלעבאַטים האָבן אַף שנעל צוזאַמענגעקליבן סקעבס. אינעווייניק, אין די קאָמפּאַניע־הייזער, האָט עס אויסגעזען ווי אין אַ קריג־צושטאַנד. הונדערטער אויפשטעל־בעטלאַך זיינען געבראַכט געוואָרן, ווי פאַר אַ קליינער אַרמיי סאָלדאַטן. דאָס איז געווען ווייל די סקעבס האָבן ניט געוואַגט זיך צו באַווייזן אינדרויסן אויס מוירע פאַר די סטרייקערס. זיי האָבן געלעבט, געסקעבט און געגעסן אונטער דער שוץ פון באַוואָפנטע וועכטער און דעטעקטיווס, וואָס זיינען געשטאַנען באַ דער טיר.

נאָר דאָ האָט זיך באַוויזן די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר אין אַן אָפענער אַנטי־יוניאָן און סטרייקברעכערישער ראָלע. די רעאַקציאָנערע לייבאָר־ביוראָקראַטן האָבן אַנטזאַגט די אַרבעטער די שטיצע פון דער פעדעראַציע. דער באָיקאָט פון דער אַ. פ. אָוו ל. האָט געפירט צו דעם, אַז דער סטרייק זאָל פאַרלוירן גיין.

דער סטרייק פון די סאָבוויי־אַרבעטער אין יולי 1926 איז נישט געווען דער ערשטער און וועט זיכער נישט זיין דער לעצטער.

קאָמפּאַניע־יוניאָנס

אין 1916 האָט די קאָמפּאַניע אָרגאַניזירט די באַרימטע קאָמפּאַניע־יוניאָן — די בראָדערהוד אָוו אַי. אַר. טי. אַרבעטער, די ערגסטע סטרייקברעכערישע אָרגאַניזאַציע, וואָס אַ קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע האָט ווען עס איז אויסגעטראַכט. יעדער אַרבעטער אַף די סאָבווייס ווערט געצוואונגען צו זיין אַ מיטגליד פון דער קאָמפּאַניע־יוניאָן און אונטערשרייבן דעם טרויערִיק־באַרימטן „יעלאָו־דאָג“־קאָנטראַקט, וואָס לייענט זיך טיילווייז אַזוי :

„אין איינקלאַנג מיט דעם שטאַנדפּונקט, אָנגענומען פון דער בראָדערהוד, און מיט דער צושטימונג פון דער קאָמפּאַניע, און אַלס אַ באַדינג פון באַשעפטיקונג, בין איך פולקאָם איינשטימיק און שטים צו אויסדריקלאַך, אַז איך וועל בלייבן אַ מיטגליד פון דער בראָדערהוד פאַר דער צייט, וואָס איך בין באַשעפטיקט פון דער קאָמפּאַניע און בין פּאַסנד פאַר מיטגלידערשאַפט ; און וועל ניט ווערן פאַרבינדן אין קיין הינזיכט מיט דער אַמאַלגאַמייטעד אַסאָ־

סיאיישאָן און סטריט און עלעקטריק רעילוויי עמפּלאָאים אַף אַמעריקאַ אָרעד מיט אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע פון סטריט רעילוויי אַרבעטער.״

ס׳איז פאַראַן אַ שטאַרקע שפּיאָנען סיסטעם צווישן די אַרבעטער אַף די סאָבוויים, קעדיי נישט צו דערלאָזן צו קיין אויסדרוק פון נישט־צופרידנקייט פון די אַרבעטער. דערפאַר קומט אויס, אַז ווען מען פרעגט אַ סאָבוויי־אַרבעטער וועגן די אַרבעטס־באַדינגונגען, וועט ער ענטפערן, אַז אַלץ איז גלענצנד און אַז עס קאָן גאָר נישט זיין בעסער.

1. פאַרש אויס און באַריכט: ווי אַזוי מען פאַרט באַ דיר אין שטאָט.
2. פאַרוואָס איז אַזוי ענג אין די סאָבוויים? ווי וואָלט מען געקאָנט מאַכן, עס זאָל זיין גראַם און באַקוועם צו פאָרן.
3. פאַרוואָס ווערט עס ניט געטאָן?
4. פאַרוואָס קומען פאַר די גרעסטע טייל אומגליקס־פאַלן אין די סאָבוויים.
5. שרייב אַ קאָמפּאָזיציע:
   וואָס וואָלט געווען אין שטאָט, ווען אַלע טראַנספּאָרט־אַרבעטער סטרייקן.
6. אַרבעט אויס אַ פּלאַן, ווי אַזוי די פאַרקער־מיטלען וועלן זיין איינגע־אָרדנט באַ אַן אַרבעטער רעגירונג.

פון אַ דאָקטאָרס נאָטיץ־בוך

1. אונזער אויוון־הייצער.

דער אויוון־הייצער פון דעם הויז, וואו איך וואוין, איז געווען קראַנק און איז געקומען צו מיר, איך זאָל אים אונטערזוכן. ער איז געווען אַ נעגער, אָבער נאָך טונקעלער, ווי זיין נאַטירלאַכער קאָליר איז ער געוועזן, צוליב קוילן און שווייס.

ער האָט געהאַט היץ, און איך האָב אים געראָטן גיין אַהיים. אָבער ער האָט עס ניט געקאָנט טאָן, ווייל ס׳איז ניט געווען, ווער ס׳זאָל אים פאַרבייטן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער אַרבעט זעכצן שאָ אין מעס־לעס, שלאָפט אין קעלער, און איז פריי איינמאָל אין צוויי וואָכן — אַ האַלבן טאָג.

„איך וויים, פון וואָס איך בין קראַנק״, האָט ער דערקלערט. „דער צימער, וואו דער קעסל שטייט, איז פול מיט וואַסער. איך וויים ניט פון וואַנעט עס קומט. דערווייל מוז איך שטיין אַ גאַנצן טאָג מיט מיינע פיס אין וואַסער...״

2. אַ גערוימטע דירע.

ס׳איז נאָך ניט אַזוי שלעכט. מיר האָבן גענוג אָרט. מיין זון שלאָפט אין קיך. ס׳איז אים וואַרים. מיין מאַן און איך שלאָפן אין גאַסט-צימער. און די טאָכטער שלאָפט אין שלאָפצימער. נאַטירלאַך, די בייבים, די דריי קלענערע, שלאָפן מיט אונז אין גאַסט-צימער. און מיין מוטער, איר פאַרשטייט, איך האָב אַן אַלטע מוטער, זי דאַרף זיין אין שלאָפצימער מיט מיין פלאַרען. און דאַן האָבן מיר „באָר-דערס".

וויפיל ?

אינגאַנצן צוויי. מיר מוזן זיי האַלטן, אַניט וואָלטן מיר ניט געקענט צאָלן אונזער דירע-געלט.

וואו שלאָפן זיי ?

נאַטירלאַך, מיט׳ן זון, אין קיך. די קיך איז דער בעסטער צי-מער, פאַרשטייט איר מיך. ס׳איז כּמעט לופטיק. דער ערגסטער פלאַץ איז דער שלאָפצימער. ס׳איז קליין און פינצטער. אָן אַ פענצ-טער. אָבער דערפאַר שטיל — ס׳קומט ניט צו דער טומל. פלאָרע דאַרף האָבן כּמעט אַביסל רו. נאָך אַ טאָג-אַרבעט אין איר דעפּאַרט-מענט-סטאָר.

נו, טאָ איז וויפיל זייט איר צוזאַמען ?

אוי-ווי, עס קלעקט !

אַרבעט :

1. ווי גרויס איז דיין דירע — — — — — — —
2. וויפיל מענטשן וואוינען אין איר — — — —
3. באַשרייב די דירע פון דעם „דזשעניטאָר" פון דעם הויז, וואו דו וואוינסט.

היים וואַסער

אַ זעקס־שטאָקיק הויז. פון דרויסן — ווי מערסטע איסט־סאַידער הייזער: אָפּגעקראָכענע ציגלנע ווענט, שווארצע אייזערנע גאַניקעס, און פון די גאַניקעס אראָפּ ציען זיך טרעפּ. אויף די גאַניקעס זיינען אָנגעשטעלט טעפּ, פלעשער פון מילך, שמאַטעס.

אַז מ'קוקט אריין אין קאָרידאָר פון יענעם הויז, טוט באַלד אַ שלאָג אין דער נאָז אַ שלעכטער רייאַך. זומער אין די גרעסטע היצן יאָגט דאָרט אַ דומפּיקע קילקייט, ווי פון אַ הייל. די פאַרזשאַווערטע גאַז־רערן אויף די ווענט זיינען איידעס, אַז זיי האָבן דאָ געקאָפּטשעט יאָרן־לאַנג, טאָג ווי נאַכט. און דער דינער רויך האָט פאַרסאַזשעט די ווענט און די סטעליע. זייער אָרט פאַרנעמען איצט עלעקטרישע לעמפּלאַך, וואָס שיינען מיט אומעטיקער ליכט.

אַלטע הילצערנע שטיגן, פאַרהילט אין פינצטערניש, פירן ארויף. מען דערפילט זיך דאָ, ווי מען וואָלט אריינגעפאַלן אין אַ טיפן פינצטערן גרוב: ס'פאַלט אָן אַ שרעק. שווערקייט לייגט זיך אויפ'ן געמיט.

אויף יעדער גאָרן־טירן. אין יעדער טיר אַ פאַמיליע. אינעווייניק צו דריי־פיר צימערן, קליינע, שמאָלע, טונקעלע. אַ גאַנצן טאָג די עלעקטריע — מ'נעמט זיך די אויגן ארויס. דווירעס האָבן אין דעם הויז אָפּגעוואוינט, גע־שטאָרבן, און נייע זיינען געבוירן געוואָרן. אַ סאַך פרייד און טרויער איז שוין דאָרט אוועקגעשוואומען אין דער אייביקייט אריין. מ'האָט דאָ קינדער געהאָדעוועט, דורך די נעכט האָבן מאַמעס זיי אומעטיקע לידער געזונגען.

דאַן זיינען די קליינינקע אויף די שמוציקע גאַסן ארומגעלאָפן; אונטער־געוואַקסן, האָבן זיי אין באָל געשפּילט.

אין דעם הויז איז דאָ איין צאָרע — נישטאָ קיין היים וואַסער.

היים וואַסער איז אפילע דאָרט יאָ פאַראַן, נאָר דער לענדלאָרד גיט נישט. אַמאָל, מ'ריכט זיך נישט, מ'טוט אַ דריי דעם קראַן — ס'לויפט היים וואַסער!

דעמאָלט צערײידן זיך די ווייבער:

— גיב נאָר אַ קוק, דער „לענדלאָרד" איז מעשוגע געוואָרן...

זומער־צייט, ווען לײידיקע דירעס זיינען לעראָוו, האָט דער לענדלאָרד מוירע, אַז זיינע איינוואוינער קאָנען זיך נאָך כאָלילע צעלויפן — נו, „דעלי־ווערט" ער... פון „סינק" זעצט אַזש אַ הייסע פּאַרע. האַרבסט און ווינטער — כאַטש שטאַרב אוועק פאַר אַ טראָפּן... אַז ער קומט נאָך רענט, טוט מען צו אים אַ זאָג:

—געלט ווייסט איר ווי צו נעמען, אָבער היים וואַסער — דאָס נישט!

צונעמענדיק דאָס געלט, ענטפערט דער לענדלאָרד:

—איך האָב אָנגעזאָגט דעם „דזשעניטאָר", אַז ער זאָל אָנהייצן די קעסלען. וואָס בין איך שולדיק?...

— נו, דעם מאַנאַט וועט עס שוין זיכער זיין פאַרזאָרגט. — אָבער „וואָרט" האַלט ער ניט.

די מערסטע געוואַלדן מאַכט דאָרט אַ ליטוואַטשקע. וואָס זי צערעדט דאָס אַף אים, וואָס זי צעשעלט דאָס דעם לענדלאָרד.

— ניטאָ קיין היישע וואַשער! — שרייט זי — היישע וואַשער!

אַז די ליטוואַטשקע גייט צו צום סינק, טוט אַ דריי דאָס הענטל און — ס'איז נישטאָ קיין היים וואַסער, צעשרייט זי זיך הויך, אַז דער מאַן אירער זאָל דערהערן (און וויפיל מאָל, מיינט איר, האָט ער עס געהערט?):

— אַן אויסכאַפּעניש אַף אים! ניטאָ קיין היישע וואַשער! אַז איך וועל אים נישט פאַרשעלטן, וויים איך שוין נישט!

זומער וועסטו זיך קענען אָפּפּאַרען — דעמאָלט האָט דער לענדלאָרד מוירע, מ'זאָל אים נישט פאַרלאָזן.

צו די שכיינעס טיינעט זי:

— אַז מ'האָט היישע וואַשער, זאָג איך אייך, איז גאָר אַנדערש. גרינ־גער אַ טעפּל צוצוסטעלן, וואַסן דאָש געסיר. און וואָש האָט דאָש „די ווערט" אַז מ'ווייקט זיך אוים די פיש פאַר'ן סלאָפן? ס'איז דאָך אַ „כיעש"! דאָש לעבן באַקומט זיך אַנדערש!

איינמאָל איז צו דער ליטוואַטשקע אַרונטערגעפאַלן אירער אַ לאַנדסמאַן. זיך צערעדט מיט אים, ביז זי איז אַרויסגעקומען וועגן איר לענדלאָרד און וועגן דער איינציקער פראַגע: היים וואַסער.

— וואָס הייסט? — האָט דער לאַנדסמאַן געזאָגט — היינט דאַרף מען אויך ליידן? נישטאָ אַמאָליקע צייטן! אָ, נאָ. איצט קאָן מען אָנקלאָגן אַ לענדלאָרד, אַז די כאָלערע זאָל אים כאַפּן. שוין געזען? אַזעלכע נאַרישע לייטע! מען שטעלט אים צו אַ בענקל אין „קאָורט", ס'זאָל אים פינצטער ווערן אין די אויגן. אָ—נאָ! היינט גייט דאָס שוין נישט. מ'רייסט פון זיי די הויט! אויב איר ווילט, וועל איך אייך אַרויסהעלפן אין דעם.

— אַזוי? — האָט די אידענע איבערגעפרעגט. — נו, וועל איך אים שוין „אויפפיקסן". כ'זאָג אייך, ס'ברענט מיך ווי פייער...

— אוואדע קען מען אים מאַכן די קלאָג, — האָט דער לאַנדסמאַן איר אויפגעמונטערט.

באַנאַכט איז זי אַרומגעגאַנגען צווישן די שכיינים, געטיינעט מיט נעצאָכן:

— איר הערט, מ'קאָן דאָך אים צווינגען צו געבן היישע וואַשער! מען דאַרף אים ליינגן אין דער ערד אַריין. מ'עט אים אָנקלאָגן „אין קאָורט"!

אַף מאָרגן האָבן אַ קופּע ווייבער באַ איר אין שטוב אָפּגעהאַלטן אַ מיר־טינג... ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אונזער ליטוואַטשקע זאָל אוועקגיין צו אַ לאָיער, ער זאָל אַריינגעבן די קלאָגע אין „קאָורט" (געריכט) אַריין.

אין עטלאַכע וואָכן אַרום איז צו אַלע פאַמיליעס, און אויך צום לענד־לאָרד אָנגעקומען בריוו: בעכיין, דעם און דעם טאָג זאָל מען קומען אין

קאָורט אריין... אז דער לענדלאָרד האָט אזא בריוו דערהאַלטן, איז אים די מאַיסע נישט געפעלן געוואָרן... און ער איז געפאַלן אַף א פּלאַן: אזוי ווי ער „וואָוט" פאַר די „דאַמיקראַטן"... און ער קען זיך מיט א פּאָליטישן, וועט ער זיך בּאַראַטן מיט אים. דער פּאָליטישן האָט אים געטרייסט: אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג, נישט געשראָקן זיך, איר'ט דערלאַנגען די פּאָר דאָלער, ס'עט אוועק א גאַנג...

אינדערפרי האָבן זיך א צוואַנציק ווייבער אויסגעקליבן גיין אין קאָורט אריין. און דערביי האָבן זיי דעם לענדלאָרד אריינגעשאָטן קלאָלעס, וואָס זיי מוזן איבערלאָזן אַליין דאָס הויז...

— שלעפּ זיך גאָר אין קאָורט אריין...

קומענדיק אין קאָורט, האָבן זיי שוין דאָרט געטראָפן זייער לענדלאָרד.

— זע נאָר, זע! — האָט די ליטוואַטשקע געמאַכט צו א צווייטער אידענע, — ער איז זשיך געקומען דער ערסטער... און טוט נאָר א קוק אַפ'ן „דזשאָדזש" — עפּעס געפעלט ער מיר ניסט. א סטרענגער גוי...

דער לענדלאָרד, א דאַר אידל, א לעבעדיקס, מיט א פּאָר שוואַרצע קליינע אייגעלאַך, איז זיך געזעסן אין דער זייט, און קוקנדיק אַף זיינע „טענענטס", האָט זיך אין הארצן באַ אים אָנגעזאַפּט א סאַך געלעכטער. געקוקט אַף זיי מיט א באַהאַלטן שמייכעלע, ווי איינער רעדט:

— ווייבערוקעס, יאַכנעס! מיט מיר האָבן זיי זיך אָנגעפאַנגען! הע — מיט מיר!...

די ווייבער זיינען געזעסן אויסגעזעצט אַף די בענק, געוואַרט דער „טריי-על" (מישפּעט) זאָל זיך אָנפאַנגען.

קעגן זיי איז געזעסן דער ריכטער, איינגעהילט אין א שוואַרצער ברייטער פּעלערינע, ווי א גאַלעך. גלאַט ראַזירט מיט א בלאַסלאַך פּאָנים, א הויכן, ברייטן שטערן, א לענגלאַך שטייפע מאָרדע, דינע צונויפגעפּרעסטע ליפּן. ער האָט אויסגעקוקט ערנסט, נעלאַסן. אויסגעזען האָט ער ווי א פּרעזידענט אַף די בילדער...

— ווער איז דער אָנקלאָגער? — האָט ער געפרעגט.

אזוי ווי די ווייבער האָבן ווייניק ענגליש פאַרשטאַנען, האָבן זיי זיך אומגעקוקט און אָנגעשטעלט אַפ'ן ריכטער פרעגנדיקע, נייגעריקע אויגן.

דער ריכטער, זעענדיק מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, האָט ער באַפוילן זיין איבערזעצער, ער זאָל פרעגן און ענטפערן.

— ווער איז דער אָנקלאָגער? — האָט דער איבערזעצער איבערגעפרעגט אין פּראָסטן אידיש.

— איך! — האָט זיך אויפגעהויבן די ליטוואַטשקע. נישט נאָר איך, מיר אַלע קלאָגן אָן דעם „לענדלער".

— וואָס איז אייער טיינע קעגן אים?

— אָט ער־אָ, דער לענדלער, — האָט זי אָנגעוויזן מיט די פינגער אַף

אים, — האָט אונז צוגעזאָגט היישע וואַשער און גיט אונז נישט. רעגט ווייסט ער ווי אַזוי צו נעמען און —

— זיצט! — האָט איר דער איבערזעצער באַפוילן.

זי האָט זיך אוועקגעזעצט מיט אויפגעפלאַמטע באַקן.

מ'האָט אויסגערופן דעם לענדלאָרד.

— וואָס האָט איר וועגן דעם צו זאָגן?

— איך? וואָס קאָן איך זאָגן? עס איז אַ ליגן! עס גייט דאָרט אין הויז טאָג ווי נאַכט היישע וואַסער. אַמאָל קאָן זיך מאַכן דער דזשעניטאָר ווערט קראַנק און הייצט נישט איין אונטער די קעסלען... נו, גייען זיי אַרום, שרייען, מאַכן געוואַלדן.

— זאָגט איר דעם עמעס?

— וואָדען? כ'קען שווערן דערויף.

— זיצט!

דער ריכטער האָט זיך מיט אים דורכגערעדט, דאַן עפּעס געשריבן אין די ביכער, דערנאָך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ זאָג געטאָן:

— „דיסמיסד!"

דער איבערזעצער האָט איבערגעזאָגט: די קלאַגע ווערט אָפּגעוואָרפן...

אינדרויסן האָבן די ווייבער צווישן זיך געשריען: „גיי זוך גערעכטי־קייט... דיסמיסד..." און די ליטוואַטשקע האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ קרעכץ:

— אוי, דער אָרימאַן, דער אָרימאַן, ניין איילן אין דער ערד ליגט ער. ווער ס'האָט די מיִע, דער האָט די דייע...

די ווייבער זיינען אַנטשוויגן געוואָרן און זיי האָבן זיך געשאַרט אַהיים, ווי שטילע טויבן...

אַ ר ב ע ט ן: שרייב:

1. דער לענדלאָרד קומט נאָך דירע־געלט.
2. ווי אַזוי מען האָט אַרויסגעטריבן אַן אַרבעטער פון זיין דירע.
3. מיט וועמעס הילף געווינט דער לענדלאָרד.

אַ ר ב ע ט ן:

גיי זיך דורך איבער דער איסט־סייד, אָדער פאָר צו אַהין. אויב דו וואוינסט ניט אין ניו־יאָרק, קלייב אויס יענע טיילן פון שטאָט, וואָס איז ענלאַך צו דער איסט זייט.

גיב אָפּ אַ באַריכט וועגן דעם:

(1) אויף דער איסט־סייד וואוינען מייסטנס: איינגעבאָרענע אַמע־ריקאַנער, אימיגראַנטן.

(2) אין מיין שטאָט הייסט די ענלאַכע טייל פון שטאָט — — — —

(4) מייסטנס זיינען די איינוואוינער דאָרטן: פאַרמערס, אָרימע אַרבעטער. בעסער באַצאָלטע אַרבעטער, קליינבירגער (פּעדלער, קרעמער), רייכע מענטשן, באַלעבאַטים — — — — — — —

אַף דער „איסט־סייד“

זומער אין שטאָט

זומערדיקע נעכט

אין איינעם אַ זומער. ס'איז געווען פֿיינלאַך צו אָטעמען. אַ גאַנצן טאָג האָט די זון געשטראַלט מיט טויטלאַכע פֿלאַמען. באַנאַכט איז אַ געדיכטע פּאַרע אַרויפֿגעגאַנגען פֿון די גאַס־שטיינער, ווי אין אַ ריזיקער שוויץ־באָד.

איך פֿלעג זיך אויפֿכאַפּן אינמיטן נאַכט און פֿלעג הערן, ווי דער גאַנצער „טענעמענט“ קרעכצט און קאָרטשעט זיך אין די שלאָפֿצימערן. מענטשן האָבן זיך אַרומגעשלייכט און האָבן אַרומגעזוכט אַביסל שלאָף, ווי עפּעס אַ פֿאַרבאָרגענעם אוצער. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי, ווי געשפּענסטער מיט אויסגערונענע אויגן, אַרומגעוואָגלט איבער די גאַסן. די וועלט האָט זיך געפּרעגלט אין היץ.

אָפּטמאָל, אין אַזעלכע נעכט, פֿלעגט מיין מאַמע אויסשפּרייטן דאָס בעטגעוואַנט אַפֿ'ן טראָטואַר באַם הויז; בעאַיים זי און מיין טאַטע פֿלעגן

זיך איינמאַשטשען אַפּ׳ן גאַניק און באַלאַקען מיט די שכיינים, פּלעג איך און מיין שוועסטער, עסטער, שלאָפן אַף דער גאַס.

קוני־איילאַנד אָדער בראָנקס פּאַרק?

יעדן זונטיק אינדערפרי, דורכן זומער, פלעגט מיין טאַטע ריידן וועגן אַרויספאָרן ערגעץ אויסערן שטאָט. ער פלעגט ניט וועלן בלייבן צווישן די אַנגעגליטע ווענט אין זיין איינאַנאַיינציקן פרייען טאָג. ער פלעגט פאָרן אין קוני־איילאַנד זיך באָדן. די מאַמע איז קיינמאָל ניט מיטגעפאָרן. זי האָט פיינט געהאַט צו שלעפן זיך צוזאַמען מיט אַ מיליאָן צעווילדעוועטע, האַלב־מעשוגענע מענטשן.

— ס׳איז דאָך אַן עמעס מעשוגאָים־הויז, — פלעגט זי זאָגן. — מוז איך טאַקע זיך באָדן מיט אַ גאַנצער וועלט כוליגאַנעס, בלויז דערפאַר, וואָס היינט איז זונטיק? איך וועל זיך בעסער אָפּרוען, זיצנדיק דאָ אַף מיין אייגענעם גאַניק.

דער טאַטע פלעגט פון אירע רייד אויפגערעגט ווערן. ער האָט ליב געהאַט זיך צו באָדן.

— אָבער ס׳קאָסט דאָך בלויז אַ ניקל, — פלעגט ער טייַנען. — וואָר־זשע אַנדערש קען מען פאָרן פאַר אַ ניקל?

— אַז איך וויל ניט, — פלעגט זי זיך ווערן. — ס׳איז דאָך אַ מעשוגאָים־הויז. מאַלפעס דאַרף מען אַהין פאַרטרייבן.

— באַ, — פלעגט מיין טאַטע שוין שפּאָטן, — ביסט אַן אַלטע באַבעצע; וואָלסט נאָר אַ גאַנצן טאָג געזעסן הינטערן אויוון.

— ניין, — פלעגט זי רואיק ענטפערן. — אַט אַמאָל, אין אונגאַרן, פלעג איך יאָ גיין שפּאַצירן; כ׳פלעג גיין אין פעלד, אין וואַלד.

— נו, אויב אַזוי, — האָט איינמאָל מיין טאַטע געזאָגט, — טאָ לאָמיר גיין אין וואַלד. כ׳ל איבעראַכטאָג זונטיק אייך נעמען אין בראָנקס פּאַרק.

דער וועג צום פּאַרק

יענער זונטיק. די מאַמע האָט, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, באַשלאָסן זיך אָוועקצולאָזן אין בראָנקס פּאַרק. זי איז אויפגעשטאַנען זעקס אַזייגער אינדערפרי, קעדיי צוצוגרייטן זיך אין וועג אַריין. זי האָט אויסגעפּרעסט אַ קליידעלע פאַר עסטערן, אַ העמדל פאַר מיר. זי האָט אויסגעלאַטעט אונזערע זאַכן, און האָט איינגעפּאַקט ברויט, וואורשט, זויערע אוגערקעס, טאָרט, מאַראַנצן און נאָך זאַכן. דערנאָך האָט זי אויפגעראַמט אין שטוב, צוגעגרייט פרישטיק און האָט אונז אויפגעוועקט.

— נו, שטייט אויף, — האָט זי געצויגן אונזערע ליילעכער.

— וואָס עפּעס אַזוי פרי? — האָט דער טאַטע געפרעגט פאַרשלאָפן.

— מיר פאָרן דאָך אין דיין בראָנקס פּאַרק, — איז די מאַמע באַשטאַנען, — דו׳סט פאַרגעסן?

אין דעם „עלעווייטער" האָט זיך דער מאַמעס פּנים גערויטלט פאַר כּעס. און טאַקע: דער וואַגאָן האָט מער געפּאַסט פאַר בהמות ווי פאַר מענטשן. ער איז געווען איבערגעפּאַקט און פון דער שטיקענדיש פלעגט באַ־פאַלן אַ ניט־גוטקייט. אויפגערעגטע מאַמעס האָבן געקוויטשעט. טאַטעס האָבן זיך אין דרייען געבויגן אונטער שווערע קאַשיקעס מיט עסנוואַרג. קינ־דער האָבן געטומלט און האָבן זיך געפּלאָנטערט יעדן איינעם אונטער די פיס. אַן אַלטער, מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד, האָט זיך געקריגט מיט'ן קאָנדוקטאָר. אַ כּעוורע צעלאָזענע קינדער, אין בייזבאָל־קאָסטיומען, האָבן ניט אַנדערש נאָר געוואָלט זיך הוידען אף די לעדערנע הענגערס. הונדערטער פאַרשוויצטע קערפּערס האָבן זיך געוויגט און איינע די אַנדערע געשטויסן. הענט און פיס האָבן זיך אומגעלומפּערט געפּלאָכטן. מ'האָט געהוסט, גענאָסן, געשפּיגן, זיך געקריגט און געזידלט. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער וואַגאָן איז אַ מעשׂה־נעדיקע „טענעמענט"־הויז אף רעדער.

מיר פאָרן אין די בראָנקס. אף יעדער סטאַנציע האָט אַ פרישער צוויל־דעוועטער האַמוין, באַלאָדן מיט קאַשיקעס עסנוואַרג און קליינוואַרג, זיך אַדורכגעריסן דורך די טירן. ס'איז שוין מער קיין ברעקל אָרט ניט געווען. נאָר מ'האָט זיך פּאַמעשעטשעט אַפילע אף אונזערע פיס.

דער טאַטע האָט זיך געזידלט יעדן מאָל, ווען אַ פעטע אידענע האָט זיך אַרויפגעדריקט אף אים, אָדער האָט אים אָנגעטראָטן אף די הינער־אויגן.

זומערדיקע זונטיקס אין שטאָט! אַלע באַנען און טראַמוואַיען זיינען אַזוי איבערגעפּאַקט. זיבן מיליאָן מענטשן אין געיעג נאָך אַביסל פרישער לופט! „פע!" — האָט דער טאַטע פּראָטעסטירט.

די מאַמע איז וואָס וויטער אַלץ פרייליכער געוואָרן. זי האָט אַרויסגע־קוקט דורכ'ן פענצטער; און אַ שמייכעלע פלעגט אַלץ אָפטער זיך ווייזן אף איר פּנים. אונטן זיינען פון די גאַסן פאַרשוואונדן די געדיכטע „טענע־מענט"־פּאַליסאַדן. עס זיינען פאַרבייגעשפּרונגען קליינע הייזלאַך, איינגע־פּאַסט אין גרינע גראָזן; און דאָ און דאָרט האָבן זיך שוין אויך געוויזן ביימער.

אין פּאַרק

מיר זיינען אָנגעקומען אין בראָנקס פּאַרק. דער טאַטע האָט אונז גע־קויפט „פּאָפּקאָרן" און רויטע באַלונען. נאָכדעם האָבן מיר שפּאַצירט איבער גרינע פעלדער. די מאַמע האָט זיך געקוויקט, איינזאַפּנדיק אין זיך די מילדע אָנגענעמע לופט.

— אַך, — האָט זי גערעדט, — פּונקט ווי אין אונגאַרן! ס'איז דאָ אַזוי פריי; און דער הימל איז דאָ אַזוי גרויס און בלוי! דאָ קען מען טאַקע אָטעמען.

אַזוי האָבן מיר שפּאַצירט, ביז מיר זיינען צוגעקומען צום זאָאָלאָגישן גאָרטן. מיר האָבן דערזען אַ שטייג מיט מאַלפּעס. זיי האָבן זיך אַרומגע־

שפּילט. מיר האָבן זיי געגעבן סטאַשיקעס (פּינאַטס) און האָבן זיך צוגע־קוקט ווי געשיקט זיי שיילן עס. נאָכדעם האָבן מיר געזען אַ לייב, צוויי טיגערן, אַ ווייסן בער, שלאַנגען, פייגלען אַלערליי און אַ העלפאַנט. מיר האָבן זיי אַלעמען געטיילט סטאַשיקעס.

מיר זיינען צוגעקומען צו אַ גרויס לײדיק פעלד. פון איין זייט האָט זיך געזען אַ וואַלד. מיר האָבן נאָכגעקוקט, צי עס זיינען דאָ ברעטעלאַך מיט אויפשריפטן: „טרעט ניט אַפּ׳ן גראָז״. אַז מיר האָבן אַזעלכע ברעטעלאַך ניט געפונען, האָבן מיר זיך געלאָזט טיף אין וואַלד אריין, ביז מיר האָבן דערזען אַן אויסערגעוויינלאַך שיינעם בוים. מיר האָבן אים דערקלערט פאַר אונזערן.

דאָ אונטערן בוים האָבן מיר אויסגעשפּרייט צייטונגען. די מאַמע האָט געגרייט מיטאָג. נאָך דער לאַנגער רייזע און שפּאַציר זיינען מיר געווען זייער הונגעריק. מיר האָבן געגעסן וואורשט־„סענדוויטשעס״, טאָרט און אַנדערע גוטע זאַכן.

1. פאַרוואָס האָט די מאַמע זיך אַזוי מעכאַיע געווען מיטן פּאַרק?
2. שרייב:
   ווי מיר זיינען אַרויסגעפאָרן אין פּאַרק.
   שליימעלע קלייבט זיך אַריבער אין בראָנקס.
   אין אַ הייסער זומער־נאַכט אויף דער איסט־סייד.
   אַ שפּריץ אין מיטן גאַס.

דער סוועט־שאַפּ

עס רוישן אין שאַפּ אַזוי ווילד די מאַשינען,
אַז אָפטמאָל פאַרגעס איך אין רויש, וואָס איך בין;
איך ווער אין דעם שרעקלאַכן טומל פאַרלוירן,
מיין איך ווערט דאָרט באָטל, איך ווער אַ מאַשין;
איך אַרבעט און אַרבעט, און אַרבעט אָן כעשבן,
עס שאַפט זיך און שאַפט זיך, און שאַפט זיך אָן צאָל;
פאַר וואָס? און פאַר וועמען? איך ווייס ניט, איך פרעג ניט, —
ווי קומט אַ מאַשין צו דענקען אַמאָל.

אַרבעט:
1. געפין אויס און באַריכט: וואָס הייסט אַ סוועט־שאַפּ.
2. וועגן וועלכן אַרבעטער קען מען זאָגן, אַז ער איז אַ מאַשין.

אין אַ וועשעריי

ווייט, אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, אין מיזראך זייט פון בראָנקס, שטייט אַ צוויי-שטאָקיקע געביידע. זי קוקט אויס ווי איינגעזונקען אין דר׳ערד. געפלאַסטערט פון רויטע ציגל. די פענצטער פאַרשמירט מיט קאַלך, מיט בלאָטע. ווען ניט דער גרויסער קוימען, וואָס זעצט מיט שוואַרצן רויך און פילט אָן די לופט מיט סאַזשע, וואָלט מען געקענט דענקען, אַז דאָס איז אַ פאַרלאָזן הויז.

אָבער ווען מ׳קומט צו נענטער, דערזעט מען, אַז דאָס איז אַ פאַבריק, וואו מ׳וואַשט און מ׳פּרעסט וועש. פונ׳ם קעלער ביז אַרויף שטייען אַרבעטער און שוויצן אַ גאַנצן טאָג.

ס׳איז פאַרנאַכט. די לופט איז אַ שטיקנדיקע. אַ גאַנצן טאָג האָט געברענט ווי אין אַ קאַלך-אויוון. אַפּ׳ן הימל שווימען גראָע וואָלקנס, וואָס זאָגן צו אַף רעגן.

אַף די טרעפּ פון דער געביידע באַווייזן זיך אַרבעטער, מערסטנס נעגער-פרויען. זיי ווישן דעם שווייס פון זייערע שוואַרצע פּענעמער, וואָס גלאַנצן ווי צעלאָזטע סמאָלע. עס קומט אַרויס אַ יונג שוואַרץ מיידל, פול מיט כיין. זי טאַנצט אַביסל אונטער; אָטעמט אָפּ שווער און שרייט אויס: אַך, ווי גוט!

— וואָס איז גוט? — פרעגן איינִיקע מיידלאַך.

— די לופט! — ענטפערט מערי מיט אַ שמייכל. זי קוקט זיך אום, צי קיינער הערט זיך ניט אונטער, און זאָגט:

— עפּעס אַ קלייניקייט אָפּצושטיין אַ הייסן זומער-טאָג און פּרעסן העמדער און אַריינזאַפּן אין זיך די נאַסע פּאַרע.

— נו, און צו שטיין אַ גאַנצן טאָג און אַרויסשלעפּן האַנטעכער פון דער מאַנגל-מאַשין איז גוט? — זאָגט אַ צווייטע.

— יאָ, מיר אַרבעטן אַלע שווער, און דערצו אַרבעטן מיר פאַר אומזיסט, — זאָגן אַלע מיטאַמאָל, פונקט ווי עמיצער האָט זיי אָרגאַניזירט.

אין דער פאַבריק. אַ גאַנצן טאָג הערט מען נאָר דאָס זידן און קאָכן פון די קעסלען, וואָס וואַרפן פיבעריש אַרויס טויזנטער שטיקער וועש אין אַ טאָג. עס קלאַפּן די פּרעסלאַך. עס הודזשען די מאָטאָרס.

טראַקס קומען צו און גייען אַוועק: ברענגען שמוציקע וועש און פירן אַוועק פעק מיט ריינע.

די מאַשינען שלינגען איין יעדן מענטשלאַכן קאָל, אַזוי אַז די אַרבעטער שטייען שטיל באַ דער אַרבעט, זאַפּן אין זיך אַריין די צע־פּאַרעטע לופט. אומעט זעט מען אין אַלעמענס אויגן. דוירעסדיקן אומעט פילט מען אין יעדער באַוועגונג זייערער.

די איינציקע, וואָס ברענגט אַריין אַביסל לעבן אין דער פאַבריק, איז מערי. זי שטייט ניט רואיק באַ דער אַרבעט. טאַנצט אונטער, שעפּטשעט עפּעס אין דער שטיל: דאָס זינגט זי.

די מינוט, וואָס מ׳לייגט אַוועק די אַרבעט — מעג דאָס זיין מיטאָג־צייט אָדער אין אָוונט — מערי צעזינגט זיך אַפּ׳ן קאָל.

די אַרבעטער עסן אין דער פאַבריק. זיצן אַף שמוציקע היל־צערנע קעסטלאַך, עסן „סענדוויטשעס", פאַרטרינקען מיט וואַסער. די קליינע שוואַרצע דזשענעט זיצט און בורטשעט, שטיקט זיך מאַמעס מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט.

איינמאָל האָט די היץ אַ גאַנצן טאָג געברענט ווי אַ העליש פייער. עס איז אוממעגלאַך געווען צו אַרבעטן. טייכן שווייס איז פון אַלעמען געראָנען. דער פאָרמאַן האָט פאַשעט געריסן די אַרבעט פון די הענט. יענעם טאָג האָט אַפילע מערי צו קיינעם זיך ניט איבער־געוואונקען. אַלע זיינען געשטאַנען צוגעשמידט צו זייערע פלעצער. מ׳האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז דער טאָג זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן און מ׳זאָל קענען אַרויסגיין אין גאַס, זיך אָפּקילן פון דעם געהע־נעמדיקן שווערן לעבן.

פאַר׳ן אַהיימגיין האָט דער פאָרמאַן באַפוילן, אַז מ׳מוז בלייבן אַרבעטן „אָווערטאַים"—איבערצייט. דאָס האָט אַלעמען אויפגע־ברויזט. דאָס בלוט האָט געקאָכט. מ׳האָט געקריצט מיט די ציין און אַ מינוט געשוויגן. מערי האָט זיך ווי אין אַ קאָנוואולסיע גע־וואָרפן און האָט אַ געשריי געטאָן:

מיר אַרבעטן ניט!

דער פאָרמאַן האָט גאָרניט געזאָגט, איז באַלד אַוועק צום באַלע־באָס אין אָפיס און געזאָגט:

— די שוואַרצע בונטעווען זיך שוין אויך!

— וואַרף זיי אַרויס! זיי האָבן זיך שוין באַ מיר אָנגעפרעסן,

ריידן זיי שיין. מיר וועלן קריגן הונגעריקע, וועלן זיי נאָך זיין צופרידן, אַז מ׳וועט זיי הייסן אַרבעטן !... — ער האָט געשריען הויך אַפ׳ן קויל, קעדיי די אַרבעטער זאָלן דאָס הערן.

די אַרבעטער זיינען אַרויס אין גאַס. עס האָט אַ זעץ געטאָן פון זיי מיט קאָכיקן שוויים. זיי האָבן אָפּגעאָטעמט פריי און גע־שמייכלט איינע צו דער צווייטער, אַזוי ווי איינער זאָגט: מיר האָבן געוואגט צו זאָגן „ניין״...

אַ ר ב ע ט :

מאַכט אַן עקסקורסיע מיט׳ן גאַנצן קלאַס אין אַ וועשעריי. זייט גרייט צו באַריכטן:

1. ווי גרויס איז די פאַבריק — — —
2. וויפיל אַרבעטער — — —
3. ווער אַרבעט מייסטענס: פרויען, מענער, יונגע אַרבעטער, עלטערע, נעגערס, ווייסע
   (שטרייך אונטער ריכטיקן ענטפער).
4. צי זיינען די אַרבעטס־באַדינגונגען סאַניטאַריש. שרייב גענוי, מיט וואָס יע, אָדער ניט.
5. צי האָט מען אייך געלאָזט רעדן מיט די אַרבעטער.
6. צי זיינען די אַרבעטער אָרגאַניזירט.

שאַפּ און בראָדוויי

סיידי, מיין שאַפּ־כאַווערטע, האָט מיך מיטגענומען אין „ראָקסי״־טעאַטער. ס׳איז ליכטיקער אַף בראָדוויי באַנאַכט, ווי בא אונז אין שאַפּ באַטאָג.

טויזנטער עלעקטרישע ליכט, שילדן, פינקלען ווי שטערן. מענטשן שפּאַצירן אַזוי פיל און געדיכט, ווי עס גייען אינדערפרי אַרבעטער צו די שעפּער.

נאָר די בראָדוויי־שפּאַצירער טראָגן רייכע קליידער. זיי יאָגן זיך ניט, שטופּן זיך ניט. זיי דאַרפן ניט קומען פּונקט אַכט אַזייגער אין שאַפּ אַריין.

„ראָקסי״־טעאַטער איז אַזוי רייך, ווי אַ קעניגלאַכער פּאַלאַץ. איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אין אַזאַ פּאַלאַץ. אָבער איך האָב אַ סאַך געלייענט וועגן דעם. די לערערס אין פּאָבליק־סקול האָבן דערציילט מאַיסעס וועגן קעניגן און פּאַלאַצן.

איך טראַכט טאַקע איצט:

פאַרוואָס האָבן די לערערס פון דער אידישער אַרבעטער־שול דערציילט וועגן אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערן, שעפער און רעוואָלוציעס און די לערערס פון פּאַבליק־סקול — וועגן קעניגן און פּאַלאַצן?

אין „ראָקסי" ליגן טעפּיכער אויסגעשפּרייט אַף דילן און אַף טרעפּ. מען גייט אַזוי שטיל, אַז מען הערט ניט דעם טראָט. אַף די ווענט הענגען בילדער פון גרויסע מאָלער. אויבן, לעבן סטעליע, איז אויסגעשניצט אַ שטיבל מיט הויכע שפּיצן, ווי פון אַ קירך. די מענטשן ריידן טאַקע דאָ עפּעס אַזוי שטיל, ווי דאָ וואָלט טאַקע געווען דער פּלאַץ זייער הייליק.

אינעווייניק זיצן טויזנטער מענטשן אַף ווייכע שטולן, און ס'איז אַזוי שטיל, ווי קיינער וואָלט דאָ ניט געווען. אָט עפנט זיך אַ פּליושענער פאָר־האַנג. עס הייבן זיך אַרויס פון אונטער דער ערד דריי באַגילדעטע פּיאַנאָס. איינער פון דער אַנדערע פריי. לעבן זיי זיצן שפּילער. און אַז איך דאַרף זיך אויפהייבן יעדן טאָג אַף דעם זעכצנטן שטאָק צו מיין שאַפּ, מוז איך זיך שטיקן אין אַ קליין צימערל פון הויב־מאַשין (עלעווייטאָר), וואָס איז גרויס ווי אַ פּעסל.

זיי שפּילן אַזוי שיין אַף די פּיאַנאָס, אַז עס גלוסט זיך מיר כאָלעמען. דערנאָך קומען אַרויס זינגערס און טענצערס, וואָס פירן דורך וואונדערלאַכע נומערן. מען ווייזט בילדער, און כאַטש איך גיי אין די מואווים פון יאָרן שוין, האָב איך איצט דאָס ערשטע מאָל געטראַכט, פאַרוואָס מען ווייזט שטענדיק דאָס לעבן פון די רייכע מענטשן, פאַרוואָס ווייזט מען ניט דאָס לעבן אין די שעפער, דאָס יאָגן זיך צו און פון דער אַרבעט, דאָס שטיקעניש אין סאָבוויי.

טראַכט איך וועגן די צוויי באַזונדערע וועלטן: שאַפּ און בראָדוויי.

אַ ר ב ע ט:

1. בעט מען זאָל דיך אין אַן אָוונט מיטנעמען אַף בראָדוויי (אָדער אַן ענלאַ־כער גאַס אויב דו וואוינסט אין אַן אַנדער שטאָט). באַשרייב וואָס דו האָסט געזען; לויט דעם פאָלגענדן פּלאַן.

   (1) דער עולאָם אַף די גאַסן.

   (2) די אויסשטעל־פענסטער פון די קראָמען.

   (3) די גרויסע עלעקטרישע שילדן.

   (4) אַ טעאַטער.

2. פאַרוואָס זאָגט דאָס קינד, אַז דער שאַפּ און בראָדוויי זיינען צוויי וועלטן?

אין אַ פאַבריק־געביידע

די טיר פאַרמאַכט זיך הינטער אונז, און מיר בלייבן שטיין אין אַ האלב־פינצטערן קאָרידאָר. מיר קומען צו טרעפּ און מיר גייען אַרונטער. אַ שטיקנדיקע היץ נעמט אונז אַרום. „דאָ צעלאָזט מען אייזן, מען נעמט אַרויס פון דעם די אומנויטיקע מינעראַלן און מען מאַכט שטאָל צו בויען הייזער", דערקלערט מיר מיין באַגלייטער.

איך קוק זיך אַרום — האַלב־נאַקעטע מענער מיט גרויסע מוס־קולן שטייען באַ די גרויסע אויוונס, שיטן קוילן — אַנדערע שטייען איבער ריזיקע קעסלען און מישן... אַ גאַנצן טאָג מישן זיי. נאָך אַנדערע דאַרפן רעגולירן די היץ פון די אויוונס; טאָמער פאַרפעלן זיי צו זען, צי די אויוונס זיינען צו היים — קאָנען די מישערס ווערן בלינד פון דעם צעלאָזטן אייזן. זייערע קערפּערס זיינען ברוין און רויט, און דער שוויים רינט אַראָפּ פון הענט און פּנים.

מיר גייען דורך דער גאַנצער לענג פון דער פאַבריק. עס עפנט זיך אַ טיר, און מיר זיינען אין אַ פאַבריק, וואו מען מאַכט די בוכ־שטאַבן פאַר ביכער און צייטונגען. דאָרט, בלאַסע מענער זיצן איינ־געבויגן באַ טישן און שטעלן צונויף פּיצלאַך בליי פאַר בוכשטאַבן. די פענצטער גייען אַרויס אויף אַ טונקעלן הויף — גלייך אויף דער ערד. מוז מען אַרבעטן באַ עלעקטרישער ליכט — גייען אַלע אָנגעטאָן אויגנגלעזער. אַ גראָבער פאַרשוין גייט אַרום און פּאַסט אויף, אַז קיינער זאָל אויף אַ מינוט ניט אויפהייבן די אויגן, זיי אָפּרוען. ניין, אַרבעטן מוז מען... נו־זשע, שנעלער, א־ב־ג־ד־ה־, קליינטשיקע. עס זיצט אַן אַלטער מאַן, קימאַט אינגאַנצן בלינד, און פּיקט אויס אויסיעס אויף בליי. ער זיצט שוין יאָרנלאַנג באַ דעם זעלבן טיש, אויף דער זעל־בער באַנק, און שניצט אויס בוכשטאַבן פאַר צייטונגען. אין אַ קור־צער צייט וועט מען אים זאָגן: „איד, דו ביסט צו אַלט, גיי אַהיים צו דיין ווייב און קינדער און רו זיך אָפּ, ביסט שוין מיד."

מיינע אויגן זיינען ניט צוגעוואוינט צו דער אומנאַטירלאַכער ליכט, זיי הייבן מיר אָן וויי־צו־טאָן. איך וואונדער זיך, ווי מענטשן קאָנען זיצן באַ אַזאַ ליכט — איינגעבויגן באַ טישן און אויספּיקן קליינע אויסיעס.

די פאַרמאַנעס גייען אַרום, הענט אין קעשענעס, און באַלע־באַטעווען.

— קום שוין עס ווערט שפּעט, — זאָגט הערי. — די פאַבריק איבער אונז איז אויך אינטערעסאַנט, און דו וועסט נאָך זען מער עקספּלואַטירטע אַרבעטער ווי דאָ.

— וואָס פאַר אַ פאַבריק איז דאָס? — פרעג איך זיך בא מיין באַוועהר.

— מען אַרבעט דאָרט אויס אונטערוועש, — ענטפערט ער. — עס אַרבעטן מערסטנטייל מיידלאַך און פרויען; זיי זיינען ניט אָרגאַניזירט און האָבן די ערגסטע באַדינגונגען. מען האָט זיי אַמאָל פּרובירט רופן אין סטרייק, זיינען זיי דאַווקע אַרונטער, נאָר די איטאַליענערקעס (עס אַרבעטן אַ סאַך איטאַליענער בא אונטערוועש) זיינען זייער אָרים, איז נאָך דריי טעג סטרייקן זיינען זיי צוריק אַרויף פאַר די זעלבע סכירעס, און מען האָט נאָך אַראָפּגעהאַקט אַ פּאָר סענט.

מיר קומען אַריין אין אַ גרויסער פאַבריק. עס דערפילט זיך אַ רייאַך פון הונדערטער קערפּערס. קיין פענצטער ניט אָפן, די לופט איז שרעקלאַך. אין שאַפ איז אַזאַ טומל, אַז מען קאָן שיר פאַררירקט ווערן. די מאַשינען, די געשרייען, דאָס ריידן. איך הייב אָן אַרומגיין און קוק זיך צו צו די אַרבעטער. זעסט דאָרט, אין יענעם ווינקל? דאָרט איז אַ באָבע, אַ מאַמע און צוויי טעכטער. די באָבע איז שוין מער ווי זעכציק יאָר אַלט און זי זיצט נאָך בא דער מאַשין; דאָס אינגסטע מיידל איז דרייצן יאָר אַלט. בא די איטאַליענער אַרבעטן אַלע: מאַן, ווייב און קינדער. ווי אַ קינד ווערט צען אָדער עלף יאָר אַלט, מוז עס גיין אַרבעטן.

מיטאַמאָל הערט זיך אַ געשריי — אַ מיידל האָט זיך אַריינגעשטאָכן אַ נאָדל אין פינגער. זי האָט מיסטאָמע געוואָלט אַרויסגעבן מער אַרבעט, האָט זי דורכגעשטאָכן דעם פינגער. עס ווערט מער טומל, מען נעמט זי אַרויס, און די אַרבעט גייט ווייטער אָן.

די דורכשניטלאַכע סכירעס פאַר אַזעלכע אַרבעטער איז צווישן 12 און 20 דאָלער אַ וואָך. פאַר דעם אַרבעט מען 48 שאָ אַ וואָך, און מען דאַרף זיך יאָגן אַזוי שנעל, גלייך אין קייוועהר אַריין.

פון איין טייל פון פאַבריק הערן זיך צוויי צעקאָכטע שטימען. צוויי מיידלאַך רייסן זיך איבער אַ „באָנדל“ סכוירע. „ס׳איז מיינס,

איך האָב עס געַנומען פריער; איך האָב אַ קליין קינד, וואָס איך דאַרף דערנערן.“

— וואָס בין איך עפּעס, אַ שטיף־קינד? דאָס פּעקל איז מיינס און איך וועל עס דיר ניט אָפּגעבן

זיי הייבן זיך אָן קריגן. איך טראַכט: ווען אָנשטאָט זיך קריגן צווישן זיך, וואָלטן זיי אַלע צוזאַמען געקעמפט פאַר בעסערע באַדינגונגען, דאַן וואָלטן ניט געווען נויטיק אַזעלכע מיעסע קריגערייען.

איך גיי שנעל אַוועק. איך גיי צו צו אַ מיידל און קוק נאָך ווי זי אַרבעט. אַלעמאָל די זעלבע באַוועגונג. פון דער רעכטער זייט — דיסכוירע, בייגט דאָס איין אין העלפט, מאַכט אַ נאָט באַ דער מאַשין, אָף ביידע זייטן, און וואַרפט די סכוירע אַריין אין קעסטל באַ דער לינקער זייט. אַ גאַנצן טאָג: רעכטס, אין העלפט, נאָט נאָך אַ נאָט און לינקס; נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. דאָס מיידל, וואָס אַרבעט, איז זייער יונג, זי איז 16 אָדער 17 יאָר. אָבער איר פּאָנים איז שוין בלאַס און געל; די הענט דאַרע און די אָדערן סטאַרטשען אַרויס פון אונטער דער הויט גרויסע, בלויע; די אויגן מידע, די ליפּן צונויפגעפּרעסטע.

מיר גייען אַרויף העכער.

— לאָמיר דאָ אַריינגיין.

די טיר עפנט זיך, מיר קומען אַריין אין אַ קליינער פאַבריק. דאָ מאַכט מען גרויסע ביליקע זייגערס. די אַרבעט באַצאָלט זיך ניט און די באַדינגונגען זיינען זייער שלעכטע. ספּעציעל האָט מיך פאַרכאַפּט די אַרבעט פון אַ פּאָר מיידלאַך, וואָס זיינען געזעסן באַ טישן און געפּאַרבט די נומערן אָף די זייגערס מיט ראַדיום. זיי האָבן באַנוצט קליינע בערשטלאַך, וואָס זיי האָבן אַריינגענומען אין מויל אַלע פּאָר מינוט, — זיי אויסצוגלייכן, אַז זיי זאָלן קאָנען שמירן דין. דער ראַדיום איז זייער שעדלאַך; די מיידלאַך, וואָס אַרבעטן דערביי, שטאַרבן פון דעם ראַדיום־סאַם, אויב זיי בלייבן באַ דער אַרבעט אַ לענגערע צייט.

דערווייל האָט זיך הערי אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער מוז צוריקגיין צו דער אַרבעט. מיר זיינען אַרויס פון דער פאַבריק־געביידע.

א ר ב ע ט :

1. רעכן אויס: וויפיל און וועלכע שעפער האָט עסטער געזען אין דער געביידע.

2. באשרייב די ארבעטס־באדינגונגען אין די שעפּער.
די לופט — — —
די גרוים פון שאַפּ — — —
וויפיל טאָג־ליכט איז אין שאַפּ — — —
צי די ארבעט איז שעדלאַך — — —
צי עס ארבעטן קינדער — — —
צי די אַרבעטער זיינען אָרגאַניזירט — — —
3. געפין אַ געלעגנהייט צו באַזוכן אַ שאַפּ און באַשרייב עס. ענטפער אַף די זעלבע פראַגעס.
4. געפין אויס דאָס אָרט, וואו עסטער דערציילט ווען דער ארבעט איבער ראַדיום.
באַקען זיך מיט דער געשיכטע פון די ראַדיום־קאַרבאַנעס אין ניו־דזשוירזי.

הונגער שאַרט שניי

שטאָט איז איבער נאַכט ווייס געוואָרן.

געלייגט האָט זי זיך אַ פאַררויכערטע, אַ גרויע, און אויפגע־שטאַנען איז זי מיט פאַרשנייטע דעכער איבער׳ן קאָפּ, מיט הורבעס שניי פון ביידע זייטן גאַס, אונטער׳ן געקלאַפּ פון גראַבאייזנס, שאַר־מאַשינעס, לאָמען, רעדלדיקע פאַרגעצייג און אַנדערע שאַר־אינסטרו־מענטן.

וואו מען וואַרפט אַן אויג — „געננגס" און „גענגס". גיין גייט מען צו עטלאַכע אין אַ ריי. אַפּ׳ן אַקסל — אַ גראַבאייזן, אַ לאָם אָדער אַ „שאָוול". אַ לאַנגע פראָצעסיע. אַלטע לייט, אינגערע מיט לייכטע רעקלאַך און אויסגעקרימטע שיך. און יעדער איינער — מיט אַ בלעכל אַף דער ברוסט: נומער אַזוי פיל און אַזוי פיל...

מאַרשירט אַ מאַכנע — נומערן. אין פראָנט פון דער פראָצעסיע מאַרשירט אַ מענטש מיט אַ ווייס היטל און אַ מעשן בלעכל. אַ היטער פון דער שטאָט. ער איז קייסער. וואָס ער הייסט, דאָס טוט מען. אַט בלייבט מען שטיין. גראַבאייזנס און „שאָוולס" גיבן זיך אַ רודער. מ׳שניידט זיך אַריין מיט שטאָלענע געצייג אין די הורבעס שניי, וואָס הייבן זיך אַרויף פון ביידע זייטן גאַס, און מ׳פליקט שטיקער. און דער היטער שטייט באַ דער זייט. קאָמאַנדעוועט און טרייבט אַרום

די מענטשן אַהין און אַהער, ווי זיי וואָלטן שטיקער שטאָל און אייזן געווען...

אַף זייטיקע געסלאַך קוקט זיך קיינער ניט אַרום. עס, קליינ-געסל קאָן וואַרטן. פריער דאַרף מען באַוואָרענען, אַז דער טעאַטראַ-לישער קוואַרטאַל זאָל, כאַלילע, ניט געקריוודעט ווערן; אַז פיינע הערן און דאַמען, וואָס פאָרן אין טעאַטער, זאָלן קאָנען פאָרן פראַנק-און-פריי. פריער דאַרף מען אַ טראַכט טאָן וועגן דער פינפטער עוועניו און ריווערסאַיד-דראַיוו, וועגן פאַרק עוועניו און בראָדוויי.

געוויס, פאַר בראָדוויי האָט מען אָפּשיי. דאָרט איז גראָבאייזן אַף מאַשין פאַרביטן געוואָרן. דאָרט האָט „שאָוול“ אָפּגעטראָטן דעם אָרט פאַר שטאָלענע שניי-שאַרער מיט ברייט-פאַנאַנדערגעעפנטע מיי-לער און שאַרפע שפּיציקע ציינער. דאָרט דאַרף דער מענטש בלויז שטיין און אַכטונג געבן, אַז שטאָלענע קאַמען זאָלן זיך ווי עס דאַרף צו זיין אַריינשניידן אין שניי. דאָ און דאָרט שטייט אַ „גענג“ און קראַצט אָפּ דעם אַספאַלט פון אייזיקן שיכט. נאָר די עמעסע אַרבעט טוט שטאָל און אייזן, געזאָלין און מעכאַנישער גוילעם...

אַף פאַרק עוועניו זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן שטאָלענע שניי-שאַרער, וואָס פאַרביטן גראָבאייזנס. אונטן, באַ׳ם סאַמע ראַנד, אין פראָנט פון דער מאַשין, ציען זיך שאַרפע מעסערס, ווי אַקעראייזנס, וואָס שאַרן דעם שנייאיקן צודעק ביז׳ן סאַמע אַספאַלט. איין-און-איינציקער מענטש טוט דאָ די גאַנצע אַרבעט. ער שטייט באַ׳ם מעכאַ-ניזם, קירעוועט עס אַף אַלע זייטן און שאַרט צענויף הויכע הורבעס שניי הארט לעבן טראָטואַר. אַוועקנעמען דעם שניי — דאָס איז שוין אַ נייער עטאַפּ, וואָס קער זיך מיט אים ניט אָן.

אין די זייטיקע געסלאַך איז ניט דורכצוקריכן. דאָרט איז דער שניי אויסגעמישט מיט אַש, סאַזשע און מיסט. דאָרט איז גראָבאייזן דער קעניג. דאָרט ווייסט מען ניט פון מאַשינען און מאָטאָרן. שטייט מען אַף די טראָטואַרן, אין פראָנט פון די קרעמלאַך און טענעמענטן, און מ׳גראָבלט אַראָפּ דעם שניי פון טראָטואַר אַראָפּ. ווער טראַכט וועגן רעדלדיקע שיידים? איסט-סאַיד האָט צייט.

30,000 מענטשן שאַרן שניי אין ניו יאָרק. הונגער האָט זיי אַף דער גאַס אַרויסגעטריבן. הונגער האָט זיי גראָבאייזנס און „שאָוולס“ אין די הענט אַריינגעשטעקט און זיי געהייסן שניי שאַרן. פון די

צדאָקע־שטיבלאַך האָט מען זיי צונויפגעטריבן. פון די טענעמענטן האָט מען זיי אַף דער גאַס אַרויסגעפירט. גאַס איז פאַר'ן רייכן פּאַריז. גאַס דאַרף זיין ריין און ציכטיק. דאַרף דער הונגעריקער מענטש אויפשטיין אַ שפּראָץ אַף טאָג, שטיין לעבן די אָפיסעס, וואו מ'רעקרוטירט שניי־שאַרער, און אויסבייטן זיין שוויים אַף צעבראָכענע פּרוטעס...

30,000 מענטשן שאַרן שניי אין ניו יאָרק!

אינדערהיים האָט מען איבערגעלאָזן ווייב־און־קינד. אינדערהיים הענגט דער הונגער אין דער לופט. כאַדאָשים אַרום די צדאָקע־שטיבלאַך זיך געשלייכט. אין דער ריי געשטאַנען און אַף ברויט מיט טיי געוואַרט. איצט איז — יאָנטעוו אַף דער וועלט. שניי וועט שאַפן ברויט. שניי וועט זעטיקן אַ הונגעריק קינד, אַ קראַנק ווייב, אַ פּאַראַליזירטע מאַמע.

הונגער שאַרט שניי.

אַ ר ב ע ט ן :

1. דער שניי־שאַרער אַף מיין גאַס.
2. שניי אַף די אָרימע און די רײַכע גאַסן.

זיי באַטראַכטן די וועלט...

זיי באַטראַכטן די וועלט ווי אַ טייך,
וואו דאָס פאָלק איז די פיש, וואָס זיי פאַנגען,
און זיי ווערן פון פאָלק ניט נאָר רייך,
דער פיש מוז נאָך די נעץ זיי דערלאַנגען.

זיי באַטראַכטן די וועלט ווי אַ וואַלד,
וואו זיי יאָגן די מענטשן ווי האָזן,
און זיי האַלטן פאַר רעכט די געוואַלט,
פאַר אַן אומרעכט — זיך שינדן ניט לאָזן.

ווער זיינען די „זיי“?

שטאָט־כאַיעס

דער כאַזער

אַרימע גאַסן פאַרטאָג. די אַנגעבמורעטע, פאַרשלאָפענע „טענעמענט"־געביידעס שטייען שוין פארפוצטע: צווויי קאַנען לעבן יעדן אריינגאַנג. אמאָל הענגט נאָך אַף א „סטופּ"־פּאַרענצע אַן אַנגעשטאָפּט שמוץ־זעקל אַלס א צו־גאָב. פון צייט צו צייט כאַפּט זיך ארוים א בעריע א באַלעבאַסטע, פּראַלט אויף א דעקל פון קאַן און שטאָפּט אַן נייע אָפּפאַל־פּעקלאַך. דער צעפוילטער רייאַך שניידט זיך שאַרף אריין אין דער אָפּגעפרישטער לופט פון פרימאָרגן, פאַרסאַמט זי און קערט דאָס גאַל צום איבל און ברעכן.

פלוצלונג צעקייקלט זיך איבער די גאַסן פון שטאָט, ווי א געשריי פון שטיינער, א געוויש פון שווערע אַנקומענדיקע רעדער. א וואָגן שטעלט זיך אָפּ לעבן יעדן הויז. עס קריכט ארוים א מאַן. כאַפּט די קאַנען און פּעקלט זיי מיט פליקייט און בעריעשאַפט צו זיך אין וואָגן אריין. עס האָגלט מיט אָפּפאַל — שטיקער פון פלייש, פיש, געגריזשעטע ביינער, סאַרדין־קעסטלאַך, געפייגערטע קעץ, אַש, זאַמד און וואָס נית. אָפּגעטאָן זיין ארבעט, כאַפּט זיך דער מאַן צוריק ארויף אַף דער קעלניע, א שמיץ די פערדלאַך און „היידא" ווייטער צו אַנדערע קאַנען.

דער וואָגן טראָגט זיך ווייטער. א געפייגערטער שטינק־רייאַך גייט נאָך און באַגלייט דעם וואָגן מיט זיין מאַסע. דורכגייער פאַרשטאָפּן די נעזער, רויטלען זיך פון שאַנד און ווייסן נית וואו אהינצוטאָן זיך פון עקל און פאַרפצווייפלונג. דער מאַן אַף דער קעלניע זיצט זיך קאַלט און אויפגע־לייגט. עס גלאַנצט שפּיגלדיק זיין אויסגעשמירטער פעטער פּאָנים. ער פאַרריכט די וואָנצעס און פייפט אוים א ליד פון צווישן די ציינער.

ער ארבעט פון באַגינען, קלייבט צונויף דעם אָפּפאַל פון שטאָט, פאַר־דינט זיין ברויט מיט פוטער, דער שמוץ־ראַמער, דער שטאָטישער כאַזער.

אַ ר ב ע ט ן :

וועלכע נאָך אַרבעטן האָסטו באַמערקט אַף די גאַסן פון שטאָט?
פאַרברענג אַף דער גאַס עטלאַכע שאָ, קוק זיך צו און באַריכט אין קלאַס.
וועלכע אַרבעטן ווערן געמאַכט אַף דער גאַס.

די הענדלאַך

א צייטונגס־רעדאַקציע אין שטאָט. לעבן הויז ליגן אויפגעוויקלטע פּאַפּיר־קנוילן, ווי ריזיקע ווייסע ציגאַרן. ארבעטער גייען ארום, קייקלען אריין די רונדיקע פּאַקן אין קעלער פון הויז, פון וואַנען ס'דערטראָגט זיך א הורזשענדיקער טומל און קלאַפּעריי פון מאַשינען.

אין רעדאַקציע איז „ביזי“ : ס׳ווערן אויפגעכאַפּט דורך דראָטן ספּעציעלע שלוכעס און אויסשניטן פון אַלערליי צייטונגען, נייסן פון גאָר דער וועלט. מאָרדן, גנייוועס, פייער־בראַנדן, וואַסער־פאַרפלייצונגען, וועלט־ און פעלקער־פּאָליטיק — אַלץ ווערט אויפגעקליבן צוזאַמען, אַרויפגעצויגן, ווי פּערל אַף אַ שנור און אַרויפגעזעצט אַפ״ן בלאַסן אומשולדיקן פּאַפּיר...

די מאַשינעס שלינגען איין די ריזיקע פּאַפּיר־קנוילן, באַפאַרבן זיי מיט שורעס פּעטינקע, דראָבנע אויסיעס, צעבראָקן, צעפּערטלען און שליידערן זיי אַרויס אַף צוריק. אַלע מאַיסעלאַך זיינען שוין אויסדערציילט אַפ׳ן פּאַפּיר און דאַרפן באַלד דערזען די וועלט.

אַף דער גאַס שטייען די צייטונגס־פאַרקויפער, יונגע אינגלאַך און וואַרטן. אַלע זיינען אומגעדולדיק פונ׳ם געצוואונגענעם ליידיק־שטיין און זוכן זיך אוים באַשעפטיקונגען : אייניקע שיסן „קרעפּס“, אַנדערע „מעטשן“ מאַטבייעס, אַ פּאָר כעוורעלייט קלאַמערן זיך איין צוזאַמען און ווילן אַוועקשליידערן איינער דעם צווייטן אַף דער ערד. נאָר אָט קומען אַרויס מענער מיט אָנגעלאָדענע פּעק צייטונגען אַף די אַקסלען. די אינגלאַך וואַרפן גלייך אַוועק זייערע פריערדיקע באַשעפטיקונגען, פליען, ווי יונגע האַסטיקע הענדלאַך צו אָנגעשאָטענע קערנער. זיי ליאַרעמען, געוואַלדעווען, שלעפּן איינער פון דעם צווייטן, טראָגן פאַנאַנדער די בערג צייטונגען און לויפן אַוועק, אַוועק...

עס קוויטשען אַף אַלע גאַסן יונגע הילכנדיקע הענדל־קעלעכלאַך.

אַראַנזשירט אַן עקסקורסיע אין אַ צייטונג און באַקענט זיך מיט דער אַרבעט באַשרייבט עס.

דער מויערער

— מויערער, מויערער, אין פאַרטוך, אין העלן,
וואָס ביסטו, דערצייל, וואוהין גייסטו ?
— עך, שטער ניט, זעסט, כ׳אַרבעט מיט מיינע געזעלן —
מיר בויען אַ טפּיסע פאַרשטייסטו.

— מויערער, מויערער, זאָג, אָקאָרשט גלייכער —
ווער וועט זיינע טעג דאָרט דערשטיקן ?
— אַוואַדע נישט דו, נישט דיין ברודער, דער רייכער.
איך קאָן אויך אָן גנייוועס באַגליקן.

— מויערער, מויערער, ווער וועט ניט שלאָפן
אין טפיסע דאָרט, נעכט זיצן, קלערן?
— אַן אַרבעטער, עפּשער, מיין זון אויך, צו האָפן —
מיר האָבן אַ לעבן, אַ שווערן.

— מויערער, מויערער, ט׳ער ניט אין צאַפּל
דערמאָנען ווער׳ט שטיינער געטראָגן?
— פון׳ם מויער אַוועק, ס׳אַ סאַקאָנע, ניט פּלאַפּל,
מיר וויסן, אונז דאַרפסטו ניט זאָגן.

אַרבעטן:

1. גיב איבער דעם געשפּרעך מיט דיינע אייגענע ווערטער.
2. מאַך אַ שפּיל פון דעם.

האַפנס

אין ניו יאָרק קומען יעדן טאָג אָן ריזיקע פּאַסאַזשיר-שיפן, וואָס ברענגען טויזנטער מענטשן, און פראַכט-שיפן, וועלכע מ׳דאַרף אויסלאָדן. דאָס אָנקומען פון אַזאַ שיף שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסן טאַראַראַם. אין „בעי" געפינען זיך אַ גרויסע צאָל שלעפּ-שיפלאַך, וואָס ברענגען אַריין די ריזן. ווען די שיף קומט אָן אין דאָק, וואַרטן שוין הונדערטער האַפן-אַרבעטער, גרייט צו טאָן די שווערע אַרבעט פון אויסלאָדן און אָנלאָדן.

עס הערשט אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט צווישן די האַפן-אַרבעטער, צוליב דער ראַציאָנאַליזאַציע אין דער האַפן-אינדוסטריע. עלעקטרישע מאַשינען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון הונדערטער הענט.

ווען עס קומט אָן אַ שיף, ווערט זי באַלאַגערט פון הונדערטער אַרבעטער, ווען עס זיינען אינגאַנצן נויטיק אַ צען. אַזוי וואַרטן די אַרבעטער אין די האַפנס גאַנצע טעג.

אַרבעט:

מאַכט אַן עקסקורסיע צום „וואָטער-פראָנט" פון דיין שטאָט, באַמערקט און זייט גרייט צו באַריכטן:

(1) וועלכע גרויסע פאַבריקן האָסטו געזען.

(2) וועלכע פאכן־ארבעטער האסטו באמערקט, וואס האבן זיי געטאן.

(3) ווי זעען אוים ארבעטער־קווארטאלן, וועלכע דו ביסט דורכגעגאנגען אף דיין וועג.

(4) באשרייב די בארזשעס און שיפן, וועלכע דו האסט געזען ביים ברעג.

(5) געפין אוים אויב די האפן־ארבעטער זיינען ארגאניזירט אין א יוניאן? אין וועלכער?



דער „וואסער־פראנט“

דער נאַכט־יאַריד

אַרום 12 אַזייגער באַנאַכט ווערט לעבעדיק אין אַלע שפּייכלערס לעבן די דאָקס און פּירס. די לופט איז פול מיט מענטשלאַכע שטי־מען און מיט מעטאַלענעם געבריאַזג פון רעדער און רעדלאַך. טרעגער, פאָרטערס, לויפן אום ווי פאַרסאַמטע הינטער שווער־געלאָדענע האַנט־וועגעלאַך. מען צעשטעלט די קאַסטנס איינע אַף די אַנדערע.

פּונקט דריי אַזייגער קומען די גרויסע סאַכרים, אָפּצונעמען זייער סכוירע. ביז דעמאָלט טאָר קיין זייטיקער מענטש ניט איבערטרעטן די שוועל פון די שפּייכלערס.

האַלב נאָך 3 קלינגט אַ גרויסער גלאָק. אַ פרעמדער מענטש וואָלט געמיינט, אַז דאָס איז אַ פייער־אַלאַרם. דער קלונג איז אַ סיגנאַל, אַז מען זאָל אַריינלאָזן די קוינים.

אַ מענטשן־וואַנט גיט זיך אַ שפּאַר, וואָס דערמאָנט אָן די סאָב־וועיס אין „ראָש“.

די אַטמאָספערע ווערט געשפּאַנט. די גרויסע סאָכרים רופן אוים זייערע פּרייזן; די קויפערס מאַכן זייערע פאָרשלאָגן. מען דינגט זיך אַביסל, אָבער קורץ און שאַרף. אין אַ האַלבער שטונדע איז שוין נאָכ׳ן יאַריד.

די סצענע בייט זיך. די סכוירעס זיינען שוין איינגעקויפט. פּאַמעלאַך עפענען זיך די אייזערנע טויערן, וואו עס שטייען שוין גרייט אין דער ריי טויזנטער טראָקס און וועגענער צו צעפירן די סכוירעס איבער גאַנץ ניו יאָרק.

די גאַסן ווערן באַלעבט. מען לאָדט די סכוירעס. עס צעבלאָזן זיך אויטאָמאָביל־סירענעס און „היידאַ“.

שווערע ווערטער:

יאַריד — אַ באַזאַר, אַ מאַרק.

1. וואוהין ווערן די אַלע סכוירעס געפירט?
2. פון וואַנען קומען די סכוירעס.
3. ווער קאָנטראָלירט און שטעלט איין די פּרייזן פאַר די פּראָדוקטן, וועלכע מיר קויפן?

געפין אויס און שרייב: ווי אַזוי קומט אָן עסן אין אונזער שטאָט.

האַפּן־אַרבעטער

העי, העי, מיין ברודער! בראַווער טרעגער!
זאָג, וואָס טראָגסטו, וועלכע לאַסטן?
שלעפּסט מיט מאַטער פון די שיפן!
שלעפּסט מיט אָנשטרענג, פון דעם האַפּן!

העי, אַ ברודער, פּרוכט פון דאַרעם!
טוך פון צאָפן! האָלץ פון מיזרעך
לויטער גוטע, שווערע לאַסטן!!
יאָ, דאָס טראָג איך פון דעם האַפּן!

העי—העי, ברודער! בראַווער טרעגער!
זאָג, צו וועמען טראָגסטו די לאַסטן?
טראָגסטו זיי דאָ צו דיין שאָכן?
טראָגסטו צו דיין ווייב זיי עפּשער?

צו די קרעמער! צו די רייכע
טראָג איך אַלע שווערע לאַסטן!
טראָג זיי פון די גרויסע שיפן!
טראָג זיי — ביז דער טאָג וועט קומען!

העי—העי, ברודער! בראַווער טרעגער!
צו די קרעמער? צו די רייכע
און דיין שאָכן ליידט גאָר הונגער!
הונגער ליידט דיין ווייב און קינדער!

העיאָ, ברודער! יאָ, איך ווייס עס!
און אַמאָל, ווען רויטע פאָנען
וועלן פלאַטערן און ווייען,
וועל איך זיי אַהיים דאַן טראָגן!

טראָגן צו מיין פרוי און קינדער!
טראָגן צו מיין פרוי און קינדער!
צו מיין פאָטער! צו מיין כאַווער!
ווען עס ווייען רויטע פאָנען!

שווערע ווערטער:
האפן — וואו עס קומען אָן די שיפן.
לאַסט — שווערע מאַסע.
טוך — מאַטעריע, וואַרע.

אַרבעט:
שרייב עס איבער ווי אַ געשפּרעך.

באַרג אַרויף

מאַרקאָ האָט געהאַט אַ כיידער אין אַן אַלט־הילצערן הויז ניט ווייט פון פּאָרט, וואו ער האָט געאַרבעט. אינעווייניק — אַ פּאָר ביליקע בילדער, אַ פּאָר ביכער פון „דזשעק לאָנדאָן;" האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן. קוק איך אַף די ביכער און דערנאָך אַף מאַרקאָן. אַ זון־פאַרברוינט פּאָנים, ברוינע האָר, און די פּלייצעס, ברייטע, ריזיקע, די הענט שווערע, ווי אייזערנע שטאַנגען.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך בין געווען באַ דעם פּאַסי־פישן ברעג; דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געזען אַזוי פיל פרוכט־גערט־נער, אַזאַ בלוי־ווייסן הימל, אַזוי פיל פּאַלמעס און בלומען, און אינמיטן דעם אַלעם אַ וועלט מיט נויט און הונגער. עס איז געווען אַזוי טראַגיש צו וואַנ־דערן פון איין טייל שטאָט צו דער אַנדערער. ספּעציעל באַ דעם וואַסער־ברעג, וואו אַרבעטסלאָזע קומען זוכן עפּעס צו פאַרדינען און האַלב־שטאַרבנ־דיקע פלעגן זיך טויזנטער וואַלגערן באַ די ברעגן.

מאַרקאָ האָט פאַר מיר געקראָגן אַרבעט מיט אים צוזאַמען. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, אַן אוממענטשלאַכע. צען שטונדן פון הייבן און שלעפּן. אַ סאַך מאָל האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די מוסקולן פון מיינע אָרעמס וועלן פּלאַצן. די פאַרדינסטן זיינען געווען קליינלאַכע, די באַהאַנד־לונג אַ הינטישע! און איך האָב זיך נאָך געוואונדערט, ווי אַזוי די אַרבעטער קענען דאָס לאַנג אויסהאַלטן? פאַרביטערט זיינען זיי געווען, פלעגן שילטן איינע די אַנדערע. עס איז ניט געווען אַ טאָג, עס זאָל ניט זיין אַ געשלעג. די ריזן פון פּראַצע האָבן אויסגעלאָזן זייער ביטערניש איינע צו די אַנדערע. און מאַרקאָ פלעגט ריידן מיט ביטערניש וועגן זייער לאַגע:

„ווי הינט רייסן מיר איינע די אנדערע און זעען ניט ווי די וועלף פאר־צוקן אונז. פאר וועמען ארבעטן מיר? ווער טרייבט אונז אזוי ווי א סטאדע שעפסן? דאס פרעגן מיר קיינמאל ניט! אנדערע טראכטן, לעבן פאר אונז! און מיר זיינען מער ניט געבוירן געוואָרן אין א פינצטערער מינוט. די ערד האט אונז ארויסגעוואָרפן פון אירע געדערים און מיר קריכן, ווי ווערים אף איר הויט.“

אין אָוונט האָבן מיר זיך באגעגנט אין סאלון.

מארקא האט ליב געהאט צו דערציילן געשיכטעס פון „דזשעק לאָנדאָן“, און די ריזן פון פראצע פלעגן זיצן שטום און הערן. א סאך זאכן האט ער זיי דערציילט וועגן שטעט און לענדער, וועגן מענטשן, וועלכע פריידיקן אן אנדער לעבן.

אין דער גאס, וואו אונזער ביידער איז געווען, איז ניט ווייט געווען א מיסיאָנערן־הויז. מאטראזן און היימלאזע האָבן דארטן געפונען א פלאץ צו איבערנעכטיקן. מארקא האט אויסגעמיטן דאס הויז, ווי איינער מיידט אויס א פעסט; מיר האט ער אנגעזאגט, אז איך זאל ניט וואגן גיין אהין. ער וועט מיר דעם קאפ צעברעכן, אויב איך וועל אמאל אריינשטעלן מיין פוס אהין. זיין אנזאג איז געווען איבעריק, ווייל איך האב בעסער ליב געהאט פארברענגען באם פארט.

פרייטיק האָבן די פרוכט־קאמפאניעס געלאזט וויסן דורך פלאקאטן, אז דאס געהאלט פון די ארבעטער וועט געשניטן פינף סענט א שטונדע. די אר־בעטער, וואס זיינען שוין פון פריער געווען אומרואיק, זיינען איצט געוואָרן אויפגערעגט. א גאנץ רעדל האט זיך ארומגעקליבן ארום מארקאָ, געוואלט הערן, וואס ער וועט זאָגן. מארקא האט שטיל אנגעזאגט, אז מארגן נאך דער ארבעט זאלן אלע זיך פארזאמלען בא דעם פוסטן פעלד ניט ווייט פון וואסער, און דארטן וועט מען באשליסן וואס צו טאָן.

פול מיט פולווער איז יענעם טאג געווען די לופט. האט איינער פון די אויפזעער זיך פאטשעפעט מיט אן ארבעטער, האט דער ארבעטער אים דערלאנגט א זעץ אונטער דער מארדע — די ארבעטער זיינען געווען צערייצט און געווארט אף א געלעגנהייט אויסצוגיסן זייער צאָרן.

פארנאכט איז מען אהיים ניט געגאנגען. דורך פארשיידענע וועגן האט מען דערגרייכט דאס פוסטע פעלד. איך מיט אנדערע ארבעטער זיינען גע־גאנגען דורך „וואטער סטריט“. מארקא איז געווען מיט אונז. אינמיטן גאס, ניט ווייט פון מיסיאָנערן־הויז, איז געשטאנען דאס גאנצע בינטל. איך האב געזען מארקאס צוזאמענגעדריקטע פויסטן; די פייקלאך האָבן געקלאפט, א קליינער ארגל האט געשפילט און זיי האָבן געזונגען.

„נענטער, מיין גאט, צו דיר
נעם מיין נעשאמע אין די הימלען צו...“

מארקא האט שנעלער געשפּאנט, ווי ער וואלט געוואלט אנטלויפן פון די קלאנגען, נאר די טענער האבן אלץ דערגרייכט:

„איך גיב מיין הארץ צו דיר, מיין גאט!
פאר דיר, מיין גאט, פאר דיר!“

ווען מיר זיינען אנגעקומען, איז שוין דער פוסטער פלאץ געווען פול. ווי א ווינט האט די מאסע געברומט. ווען מארקא האט דערגרייכט דאס הילצערנע קעסטל, און זיין קאפּ איז אויסגעוואקסן איבער דער מאסע, האט דאס ברומען מיטאמאל זיך א ריס געטאן, ווי א שטורעם וואלט צעריסן די ערד. איך האב געטראכט: ווען די גרויסע מאסן וועלן זיך אוועקרייסן פון זייער מידקייט, צעשפּרייטן זייערע אָרעמס, געבן א געשריי איבער די שטעט, פעלדער און וועלדער — איבער אלץ, וואס זייערע הענט און קעפּ האבן באַשאפן, — ווער וועט קענען איינהאלטן דעם שטראם פון זייער צארן? ווי צו די, וואס האבן דערצערנט די גרויסע שעפערישע קראפט; ווי צו די, וואס רייסן די פרייד פון דער וועלט!

איך בין געשטאנען צו ווייט צו הערן, וואס מארקא האט גערעדט. איך בין געווען צו פארנומען מיט די מאסן ארום מיר. דערנאך האב איך זיך אליין פארלוירן; איך בין געווארן צוזאמענגעוואקסן מיט דעם גרויסן שטורעם ארום מיר. איך געדענק, איך האב געשריען, צוזאמענגעדריקט די פויסטן. האט האס געשטראמט פון מיין הארצן; מיינע צעווייטאגטע מוסקולן האבן זיך געריסן צום הימל! איך בין מער ניט געווען, עס איז געווען אלע! איינער — אלע!

וואס איז ווייטער געווען, ווייס איך ניט. א שווערע זאך איז געפאלן איבער מיין קאפּ; עמיצער האט שווער געטראטן איבער מיינע גדערים; פייער האט געבליצט פאר מיינע האלב־פארמאכטע אויגן; דערנאך שווארצקייט מיט שווערע כאלומעס.

ווען איך האב אויפגעוואכט, זיינען שוין פיל טעג אוועק. א סאך האבן מיר דערציילט וועגן דעם בלוטיקן קאמף. די הערשער פון דעם לעבן האבן געוואלט דעם קאמף אין בלוט דערטרינקען. מארקא איז געלעגן אין דעם צווייטן בעטל — א קויל האט דורכגעלעכערט זיין רעכטן אקסל; ער איז נאך געווען פיבערדיק.

אבער די ארבעטער האבן געזיגט. איך האב גערעדט מיט מארקאן: „דאס איז דער אנהייב, די ארבעטער האבן דערפילט זייער קראפט; זייער ליד וועט אנדערש קלינגען; די צייט וועט ווייזן, אז מיר גייען בארג־ארויף, צו די ברייטע פעלדער פון מארגן, צו די בלויע בערג פון מענטשלאכן גליק.“

מיך האט מען ארעסטירט און ארויסגעשיקט אלס „וועגראנט (היימלאזער). מיט מיין פּעקל אויף דער פּלייצע, דורך גרינע פעלדער, בין איך געגאנגען, מיין יונג הארץ מיט ביטערניש פארזייט. געטראכט האב איך,

אַז פֿאַרדינט האָב איך ניט די הערשערס שטראָף, נאָר איצט וועל איך זען דאָס צו פֿאַרדינען. וועגן אומעטום. מיין וועג איז באַרג־אַרויף!

אַ ר ב ע ט ן :

1. דאָ דערציילט זיך וועגן אַרבעטער, וואָס אַרבעטן באַ — — — — — — — — — — —
2. באַשרייב זייערע אַרבעטס־באַדינגונגען — — — — — — — — — — —
3. וועלכע פון זיי פלעגן ווערן הוימלאָז — — — — — — — — — — — —
4. מאַרקאָ האָט ניט געלאָזט זיין נייעם פריינד גיין אין מיסיאָנערן־הויז. ער איז געווען גערעכט, צו ניט? דיסקוטיר די פראַגע. שרייב אָן דיין מיינונג — — — — — — — — — — —
5. געפין דאָס אָרט, וואו עס גיט זיך אַ בילדל פון „סאַלוויישן אַרמי?. דיסקוטיר די פראגע: וועלכע מיטלען העלפן בעסער דעם אַרבעטער: מאַרקאָס מיט זיינע כאַוויירים, צי די מיטלען פון „סאַלוויישן אַרמי“?
6. דער אַרבעטער. מיטינג איז באַפאַלן געוואָרן פון — — — — — — — — (1) — — — — — — — — — — — — — (2)
7. וואָס מיינט דער אויטאָר מיט די ווערטער: „מיין וועג איז באַרג אַרויף“.

ש ר י י ב : ווי אַזוי אַ טרעמפּ איז געוואָרן אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער.

האַדסאָן

ס׳ליגןביידע לענגען פונ׳ם האַדסאָן
איינגעשמידט אין רינגען.
ס׳איז האַדסאָן־טייך
אַ שוואַרצער פּאַס
פאַר שוואַרצער אַרבעט
פון די ברידער פון מיין קלאַס — — — —

כ׳וועל ניט באַזינגען האַדסאָנס גרין און בלוי,
נאָר באַרזשעס און שיפן
און הייצערס אין די פייערדיקע טיפן.
כ׳וועל באַזינגען
האַדסאָנס ביידע לענגען
איינגעשמידט אין רינגען
מיט פלעקן פונ׳ם אויל
אין יעדער פּעריס מויל.

אַ ר ב ע ט ן :

1. וועלכער טייך פליסט אין אייער שטאָט?
3. וועלכע אַרבעטן ווערן געטאָן אַף אייער טייך?

שער און אייזן. נאָדל און מאַשין

אין האַרץ פון ניו יאָרק, אַף די צוואַנציקער און דרייסיקער גאַסן, הייבן זיך צום הימל הויכע מויערן. פון דרויסן קוקן די פענצטער אַרויס שיין און שטאָלץ, נאָר אינעווייניק, אַף די פופצענער און צוואַנציקער שטאָקן, געפינען זיך קליידער־פאַבריקן. אין יעדן שאַפּ זיצן יונגע און אַלטע שניידער, נייער און שטעפּער, שטייען פּרעסער און מאַכן קליידער פאַר די מענטשן פון ניו יאָרק און פאַר׳ן גאַנצן לאַנד.

מיט געבויגענע פּלייצעס, הענט און קאָפּ אַריינגעטאָן אין דעם מאַטעריאַל, טרייבן זיי די ניי־מאַשינען, וואָס פרעסן אַרויס פון זיי דעם מאַרך און דאָס בלוט. זיצן איטאַליענישע און אידישע און נעגערשע מיידלאַך און ציען מיט די נאָדלען, שלענגלען אַריין און אַרויס די פאָדימס, מ׳פאַרענדיקט, מ׳נייט אָן קנעפּלאַך. שטייען סלאַווישע און אידישע און איטאַליענישע פּרעסערס און פירן מיט די שווערע הייסע אייזנס, פּוצן אויס יעדן מאַלביש. פּוצן די גריכישע אַרבעטער די פלעקלאַך פון די כאַיעס, שניידן זיי אויס און נייען צענויף וואַרימע קליידער פאַר די רייכע הערן און דאַמען.

און פענצטער און דומפּיק און שמוציק איז אין די שעפּער. און מ׳אַרבעט לאַנגע שטונדן, און מ׳יאָגט אַרויס די נעשאָמע דורך „שטיק־אַרבעט“. און נאָך עטלאַכע וואָכן נייען און שטעפּן און פּרעסן לאָזט זיך אויס די אַרבעט, און מ׳דאַרף ווידער וואַרטן אַפ׳ן :סעזאָן“.

האָבן זיך די נאָדל־אַרבעטער גוט אָרגאַניזירט און אַרויס אַף די גאַסן פון ניו יאָרק און געפירט אַ אָפענעם קאַמף קעגן די באָסעס. אין די צענדליקער טויזנטער האָבן זיי ניט איינמאָל געסטרייקט אין יאָרן 1925—1930.

ג ע פ י ן א ו י ס :

1. וועלכע יוניאָן פירט אָן מיט די רעוואָלוציאָנערע סטרייקס פון די אַרבעטער?

2. ווי הייסט די אָרגאַניזאַציע פון אַלע רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס?

3. וואָס פאַר אַ ראָליע שפּילט די „אַמעריקאַן פעדערײשאָן אַף לייבאָר“ אין די קאַמפן?

די „פּיקעט־לײַן“

צווייווייז,
פּירווייז
גייען זיי,
שפּאַנען זיי
טריט נאָך טריט —
סטרייקער.
מאַרשירן זיי
אַ מאַכנע די גרויס;
אַלערליי פּענימער,
אַ פעלקער־געמיש
אין וואוקס און אין שפּראַך —
מישט זיך אויס,
שפּינט זיך אויס
אין איין ציל —

קומען אָן,
קומען צו,
ריי נאָך ריי
זייד־וועבער סטרייקערס.
היטן זיי
יעדן אַרייַנגאַנג און אַרויסגאַנג
פון די זייד־פאַבריקן;
ריידן אָפּ,
שלאָגן אָפּ,
טייטלען נאָך:
סטרייקברעכער!

סטרייקברעכער!
שטייען בײַ טירן, טויערן
אָרדנונגס־היטער,
שפּילנדיק מיט „קלאָבס“ אין
די הענט —
היטן זיי
זייד־פאַבריקן,
זייד־פאַבריקאַנטן,
פאָלגן אויס באַפעלן;
בליקן נאָך
אַרייַנגייענדיקע,
אַרויסגייענדיקע;
היטן זיי די, וואָס שפּאַנען פאַרביי,
לאָזן זיך נאָך זייער ריי,
שטויסן זיי אַוועק,
טרייבן זיי,
דראָען זיי,
וואַרפן זיך מיט „קלאָבס“
אַף דער „פּיקעט־לײַן“.

אַף די „פּיקעט־לײַנס“

צוקומענדיק צו דער 36טער גאַס, האָב איך נאָך פונדערווייטנס דערזען, ווי ס'איז צוגעקומען צום ראָג אַן אויטאָמאָביל. אין איין אויגנבליק איז דער אויטאָמאָביל באַלאַגערט געוואָרן פון אַ הונדערט אַרבעטער־סטרייקער, און די לופט איז פול געוואָרן מיט אויסגעשרייען:

— סקעבס! גענגסטערס!

פון אויטאָמאָביל זייַנען אַרויסגעשפּרונגען אַ פּאָר „שטאַרקע“ מיט פאַר־קוועטשטע ליפּן, מיט ברענענדיקע אויגן, ווי בײַ וועלף. זיי זייַנען געווען אָפּאָנים זיכער, אַז מיט דער הילף פון די אַרומיקע פּאָליסלייט וועט זיי גע־

לינגען פאַנאַנדערטרייבן די מאַכנע סטרייקערס; נאָר זיי האָבן נעבאַך געהאַט אַ גרויסן טאָעס: די סטרייקערס זיינען ניט אָפּגעטראָטן, אַלץ שטייפער ארומגערינגלט דעם אויטאָמאָביל, וואָס פון זיינע פענצטערלאַך האָבן ארויסגעקוקט צעשראָקענע פּענעמער. די „שטאַרקע" האָבן פאַרלאָרן זייער מוט און צוריק אין אויטאָמאָביל זיך אריינגעכאַפּט. אונטער הילכיקע אויסגעשרייען „סקעבס!" האָט זיך דער אויטאָמאָביל אַ ריס געטאָן פון אָרט און איז פאַרשוואונדן.

אַרבעטער און אַרבעטערינס מאַרשירן פּאַרווייז הין און צוריק לעבן גרויסער שאַפּ־געביידע. דריי באַוואַכן דעם אריינגאַנג. בא דער זייט פון גאַס שטייען פּאָליציאַנטן און דרייען אין די הענט די פלעקלאַך.

פּלוצלונג ווערט לעבעדיק צווישן די סטרייקערס אַף דער פּיקעט־לאַין: מ'קוקט צום קעגנאיבערדיקן ראָג, וואו עס קומען אָן אַ גרופּע סקעבס אונטער דער באַגלייטונג פון גענגסטערס.

די גענגסטערס אין ברעכערישער פרעכקייט. איין האַנט האַלטן זיי אין טאַש, מיט דער אַנדערער פּאַכען זיי, ווי אונטערטרייבנדיק די סקעבס, וואָס גייען אײַנדערמיט ווי אַ סטאַדע שאָף.

די סקעבס גייען אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, ווי פאַרשעמטע, ווי שולדיקע. זיי פאַרשטייען, קאָנטיק, אַז זיי טוען אַ פאַרברעכן קעגן זייערע ברידער־אַרבעטער, וואָס בלוטיקן אין קאַמף. די גענגסטערס גייען שטאָלץ און זיכער: זיי ווייסן גוט, אַז זיי באַשיצט דאָס „געזעץ" פון דעם „דעמאָקראַטישן" לאַנד: זיי זיינען אַ טייל פון דער הערשנדיקער מאַשין, אירע טרייע קנעכט...

די האַנט, וואָס איז פאַרגראָבן אין טאַש, האַלט אַ געווער: זאָל נאָר ווער זיך פאַרמעסטן צוטרעטן צו די סקעבס מיט אַ טאַדל, מיט אַ וואָרנונג, — וועט יענער אַוועקגיין מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ...

די פּאָליסלייט און די פּיקעטס האַלטן אויג, און די גענגסטערס פירן צו די גרופּע סקעבס — איטאַליענער און נעגערקעס — צום אַריינגאַנג פון דער געביידע, וואו עס סטרייקט אַ שאַפּ. די גענגסטערס לאָזן דורך די סקעבס אינעווייניק. אַן עקלהאַפטער שמייכל איז צעשפּרייט איבער זייערע פאַרגרעבטע, צעקנייטשטע פּענעמער. פאַרענדיקט דעם „דזשאָב", לאָזן זיי זיך גיין צוריק צום ראָג גאַס, וואו זיי בלייבן שטיין.

אַ ר ב ע ט ן:

1. די גענגסטערס ווערן געדונגען פון — — — — — — — —
2. זיי זיינען נויטיק אַף צו — — — — — — — —
3. די פּאָליציי אַרעסטירט: די גענגסטערס, די סקעבס, די פּיקעטס.
4. די יוניאָן וועלכע פירט אָן מיט די רעוואָלוציאָנערע סטרייקס פון די נאָדל אַרבעטער הייסט — — — — — — — — — —
5. די יוניאָן געהערט: דער אַמעריקאַן פעדערייּשאָן אַף לייבאָר, דער טרייד יוניאָן יוניטי ליג.
שטרייכט אונטער דעם ריכטיקן ענטפער.

דעם פּאָליסמאַנס „קלאַב“

דזשאָ האָקינס איז אַ געניטער טאָקער.

ער שטייט בא אַ טאָקער־מאַשין אַכט שאָ אַ טאָג און מאַכט פּאַרטיק וועלשענע „קלאָבס“ פאַר פּאָליסלייט.

אַכט שאָ אַ טאָג קלייבט ער אוים גלייכע, פּאָלירטע שטיקער האָלץ, לייגט זיי אַף דער מאַשין ארויף, שטעלט אָן די מעסערס און לאָזט לויפן די עלעקטריע.

אַכט שאָ אַ טאָג דרייען זיך די העלצער, זשומען די מעסערס, ווערן פּאַרטיק די שטעקנס. און דאָס זשומען פון די מעסערס איז ווי מוזיק אין זיינע האָריקע אויערן.

פּופציק קליידער־ארבעטער פּיקעטן אַ סוועטשאָפּ אויף דער ניו יאָרקער איסט־סייד. זיי טראָגן פּלאַקאַטן וועגן דער יוניאָן, סכירעס, שאָען פון ארבעט. זיי גייען אויף און אָפּ און רײדן צו קיינעם ניט.

אַ טוצן פּאָליסלייט באַווייזן זיך פּלוצים און מיט זידלערייען ווארפן זיי זיך ארויף אַף די סטרייקערס און שלאָגן זיי מיט זייערע „קלאָבס“ איבער קעפּ און קני. און די גוואלדן פון די סטרייקערס איז ווי מוזיק אין זייערע ווילדע אויערן.

ווען די פּאָליסלייט זיינען פּאַרטיק מיט זייער ארבעט, ווישן זיי אָפּ דאָס בלוט פון זייערע שטעקנס און זיי זיינען שטאָלץ מיט דער שוואונג און דער קראַפט פון זייערע שטעקנס און די ראָלע וואָס זיי שפּילן צו היטן דאָס געזעץ און האַלטן אָרדנונג.

פון יוניאָן סקווער אַ ראַדיאָ צו דער וועלט

(די לעוואיע פון סטיוו קאַטאָוויס).

פון יוניאָן סקווער
אַ ראַדיאָ
צו דער גאַנצער וועלט!
א ה ע ל ד
געפאַלן איז אין ק אַ מ ף!
אַף יוניאָן סקווער,
היינט, דינסטיק, אינדערפרי,
האָט רוף
זיך צעטראָגן
אַנזאָגן:
— אָפּגעלייגט זאָל אַרבעט
ווערן!
זיינען אַרבעטער געקומען
שווערן:
— ס׳עט די קויל ניט אָפּשטעלן
אונזער קאַמף!
ס׳עט דער קלאַב
אַף אונזער קאָפּ
ניט מינדערן,
ניט לינדערן
דעם האַס!
האָט רוף דערגרייכט
צו יעדן שאַפּ;
האָט רוף דערגרייכט
צו יעדן האַרץ!
איז אַרבעט אָפּגעלייגט געוואָרן!
אינמיטן אַרבעטס-טאָג
איז אַלט און יונג,
איז פרוי און מאַן
— געקומען אַט-אַ-דאָ
אַף יוניאָן סקווער:

איך שווער!
מיר שווערן!
— ענגער די רייען פאַרבינדן!
אַ פייער אַ רויטן אָנצינדן!
פופציק טויזנט שטימען
ש ו ו ע ר ן!
אונטער לענינס פאָן
א י י ן ט אָ ן!
שטייען די שטראָמען
פאַרצאַמט:
אַ צאַם פון פּאָליציי אַף פערד,
אַ צאַם פון פּאָליציי אַף ערד!
— שטייט אויף איר אַלע
ווער ווי שקלאַפן!
און זעט:
די רויטע פאָן;
די לענין-פאָן
באַדעקט די טרונע
פונ׳ם העלד
ק אַ ט אָ ו ו י ס!
פ ו ן י ו נ י אָ ן ס ק ו ו ע ר

— — — — — — — — — —

אַ ר אַ ד י אָ
צו דער
ג אַ נ צ ע ר ו ו ע ל ט:
אַ כ ו ו ע ר ה אָ ט ז י ך
אָ פּ ג ע ש י י ד ט!
ש ט י י ע ן
פ ו פ צ י ק ט ו י ז נ ט
אַ נ ד ע ר ע כ אַ ו ו י י ר י ם
ג ר י י ט!

שווייצאַרן

זיי באַוואַכן פרעמדע טירן ווי געטרייע הינט,
ווי זעלנער האַלטן זיי די קערפּערס אויסגעצויגן;
טאַמעוואַטע שמייכלען רוען אַף זייערע ליפּן,
און נעבעכדיק קוקן זייערע אויגן.
מיט שטייפע קראַגנס, ווי זיי וואָלטן וועלן זיך דערווערגן,
האָבן זיי די העלזער אויסגעצירט;
אין פּאַלשן זייד און פּליוש, ווי גרויסע ליאַלקעס,
זיינען זייערע לייבער איינגעהילט.
אַלע טאָג, פון בלויען מאָרגן ביז דער שפּעטער נאַכט,
שטייען זיי ווי איינגעגראָבן באַ די טירן:
טראַכטן פון די ברודנע היימען און אויסגעדאַרטע קינדער...

שווערע ווערטער:
שווייצאַר: דער וואָס שטייט אין טיר פון אַ רייכן הויז
טאַמעוואַטער: טעמפּ, נאַריש.

אַרבעטן:
1. ווי אַזוי ווערט באַשריבן דאָ אַ שווייצאַר?
גיב איבער מיט דיינע ווערטער — — — — — — — — — — —
2. פאַרוואָס מוזן זיי אויסזען אַזוי טאַמעוואַטע? — — — — — —
3. באַ אַ שווייצאַר אין דער היים — — —

שוואַרץ און ווייס

אין רעכטן מיטן טאָג אַף דילענסי סטריט ווירבלט; אויטאָמאָבילן, טעקסיס, מאַסע־וועגענער, טראַמווייען, שטופּ־וועגעלאַך, מענטשן באַפּעקלטע, מענטשן אײַלנדיקע, קריכנדיקע, גלייכגילטיקע, אַלץ אין איין פּלאָנטער.

אין מיטן פּלאָנטער שניידט זיך אַן אייַלנדיקע דורך עסעקס סטריט...

שטייט אין מיטן קעסל־גרוב דער מענטש־אין־בלאָ, אין מויל דאָס פּייפל, די הענט אין דער לופט און מאַנעווירט: אַט שטעלט ער אָפּ מיט אַ מאַך מיט דער האַנט, עסעקס סטריט, און הייסט מאַכן וועג פאַר דילענסי סטריט און אַט פאַרקערט.

דאָס מאָל האָט דילענסי סטריט באַדאַרפט דורכלאָזן עסעקס סטריט.

אַלץ האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, נאָר די שווערע רעדער פון

גרויסן „טראָק“, געפירט פון אַ נעגער, האָבן אַ איבריקן דריי געטאָן און דערפאַר האָט דער ערשטער מענטש, וואָס האָט זיך געאיילט מער פון אַלע־מען, שיר געכאַפּט אַ קלאַפּ.

ער איז אָפּגעשפּרונגען און אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, דערזען צוויי שוואַרצע פּענימער, איז ער פול מיט כוצפּע צוגעלאָפן צו דעם, וואָס באַם רעדל און געסטראַשעט מיט אַ קולאַק אין דער לופט:

— „גאָד דעמיט“, האָסט קיין אויגן ניט!

דער נעגער איז אַראָפּגעשפּרונגען, זיך שטאָלץ, ווי אַ גערעכטער, צע־שריען:

— ס'איז דיין שולד, האָסט זיך געאיילט.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווערטער־שלאַכט צווישן צוויי גלייכע מענטשן. דער הויכער, ברייטביינערדיקער ווייסער, האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ. דער נעגער גלייך מיט אים.

ס'האָט זיך צונויפגעקליבן אַן עולם.

די טעקסי־פירערס האָבן זיך שמייכלענדיק איבערגעקוקט און אָנגע־שטעלט נייגעריקע, אַרויסרופנדיקע בליקן אַפ'ן נעגער.

דער געלעכטער האָט זיך געהעכערט, געוואָרן הירזשענדיקער.

דער ווייסער האָט עס דערפילט און געוואָרן כוצפּעדיק, דרייסטער.

דער נעגער נאָכגעבנדיקער, ווייכער.

אַן אומבאַהאָלפענער האָט ער געקוקט אַף די שצירנדיקע ציין אַרום זיך.

יענער פון אויבן האָט זיך איינגעדרייט אין זיין ווינקל.

— יו דוידי ניגער!

די אויגן באַם ניגער האָבן זיך איבערגעדרייט, די ווייסלאַך זיינען פאַר־גאָסן געוואָרן מיט בלוט, די הענט האָבן זיך קראַמפּהאַפט געצאַפּלט, די ליפּן האָבן געציטערט.

— יו... יו... באַ... סי... ס'איז ניט מיין שולד.

דער עולם האָט זיך צעהירזשעט.

ער האָט זיך איינגעבראָכן, ווי מען וואָלט אַרויפגעלייגט אַ שווערע משא אַף זיין רוקן.

ס'האָט זיך דערהערט אַ שניידנדיקער פייף.

דער עולם איז זיך צעלאָפן, יעדער מיט זיין שטיקל לעבן.

אונטער שטעכיקע שפּיזלען איז דער נעגער אַרויף אַפ'ן „טראָק“.

דער קעסל־גרוב האָט צוריק אָנגעהויבן צו זידן.

אַ ר ב ע ט ן:

1. איז באַ אייך אין שטאָט פאַראַן אַ נעגער־קוואַרטאַל?
2. באַמערק, מיט וואָס ער איז פאַרשיידן פון דעם קוואַרטאַל אין וועלכן דו וואוינסט.
3. באַ וועלכע אַרבעטן זיינען נעגערס מייסטן פאַרנומען באַ אונז אין שטאָט.

אינהאַלט:

פּאָדערבלאַט. צייכענונג פון ל. לאזאוויק.

שטאָט. ב. פרידמאַן — — — — — 3

אַך, וואָס פאַר אַ שטאָט. שאָלעם אַליכעם — — — — — — 4

אין סאָבוויי. מ. ל. האַלפּערן — 5

קאַליקעס, צייכענונג פון „ניו־מעסעם" — — — — — — — — 6

באַ אַ סאָבוויי־אַריינגאַנג. אב. שולמאַן — — — — — — 6

אַף אַ באַן־סטאַנציע. מ. קאָרמאַן 7

סאָבוויי־ארבעטער. צייכענונג. וו. סיגעל — — — — — — — 8

דאָס געזאַנג אין סאָבוויי. י. א.ראָנטש — — — — — — — 8

סאָבוויי־ארבעטער. פון בוך „ניו יאָרק", ב. לעווין. — — 9

פון אַ דאָקטאָרס נאָטיץ־בוך. ב. ליבער — — — — — — 11

היים וואַסער. ל. לאמפעל — — 13

איסט־סייד, צייכענונג, וו. גראָפּער 17

זומער אין שטאָט. מ. גאָלד. אידיש י. גרינשפּאַן — — — 17

דער סוועט־שאַפּ. מ. ראָזנפעלד — 20

אין אַ וועשעריי. פּ. בלאָך — — 22

שאַפּ און בראָדוויי. ש. דאַווידמאַן 23

אין אַ פאַבריק־געביידע. פון בוך „ניו־יאָרק". עסטער לינעצקי — 25

הונגער־ שאַרט שניי. א. מ. מאַנדלבוים — — — — — 28

זיי באַטראַכטן די וועלט מ. ווינטשעווסקי — — — — — 30

שטאָט בייעס. א. מייזל — — — 31

דער מויערער. וו. ברויסאָוו — 32

האפּנס. פון בוך „ניו־יאָרק", ד. בעלסקי — — — — — — — 33

דער וואַסער־פראָנט, צייכענונג. ל. לאזאָוויק — — — — — — — 34

דער נאַכט־יאַריד. אַלעקסאַנדער — 35

האַפּן־ארבעטער. א. פּאָמעראַנץ — 36

באַרג־אַרויף. קראַוועץ — — — — — 37

האָדסאָן. ב. פרידמאַן — — — 40

שער און אייזן, נאָדל און מאַשין. ש. דאַווידמאַן — — — — — — 41

די פּיקעט־ליין. פּ. גודמאַן — — 42

אַ; די פּיקעט־ליינס. מאַניעוויטש 43

דעם פּאָליסמאַנס קלאָב. דזש. וואָטערס. אידיש א. ראָנטש — — 44

פון יוניאָן סקווער א ראדיאָ. נ. וויסמאַן — — — — — 45

שווייצאַרן. ל. סאָברין — — — 46

שוואַרץ און ווייס. משה שיפרים 46